YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv15i01

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 15 Issue 1
January 1933

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 15, Iss. 1)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/484

JAN 7 '33 C
217

GERECHTIGKEIT *(Justice)*

גערעכטיגקייט

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XV. No. 1. Jersey City, N. J., January, 1933 **Price 10 Cents**

נאך א קריזיס יאר איז אוועק

עס איז געווען א שווערער, ביטערער יאהר, א יאהר פון ארבייטסלאזיגקייט, פון נויט און פון ליידען און עס איז גוט וואס ער איז שוין אוועק.

ווען דאס יאהר 1932 איז געקומען האט מען [illegible] געהאפט, אז מיט איהם וועט אויך קומען דער סוף פון דעם לאנגען, שווערען קריזיס. קלאוק מאכער, דרעס מאכער האבען געהאפט, אז עס וועט זיין ארבייט, אז מען וועט פארדינען און מאכען א לעבען, אבער די אלטע גוטע האפנונגען זיינען, ליידער, ניט מקוים געווארען. דאס יאהר 1932 איז געווען נאך ערגער ווי דאס פריהערדיגע יאהר.

די האפנונגען זיינען פאר די קלאוק מאכער און די דרעס מאכער געווען א סך. די קלאוק מאכער האבען געהאפט אויף דעם נייעם אגרימענט, אז ער וועט זייער לאגע בעסער מאכען און די דרעס מאכער האבען געהאפט, אז דער גענעראל סטרייק זייערער וועט זיי העלפען, אבער די האפנונגען זיינען ניט ערפילט געווארען.

די קלאוק מאכער יוניאן האט מיט דער הילף פון דער אינטערנעשאנאל מאקע געמאכט זעהר א גוטען אגרימענט מיט די באלעבאטים, אן אויסגעצייכענטען אגרימענט, אבער אפילו דער בעסטער אגרימענט אין דער וועלט קען קיין ארבייט ניט שאפען פאר די ארבייטער, ווען עס איז ניטא קיין ארבייט אין שאפ. און ווען עס איז פאראן ווייניג ארבייט אין די שעפער און די שטימונג ביי די ארבייטער איז א נעדריקטע נוצען עס די באלעבאטים אויס פאר זייערע אייגענע אינטערעסען. און די יוניאן מוז מאכען אנדערע אנשטרענגונגען, אז דער אגרימענט זאל פון זיי אפגעהיט ווערען און ניט אלע מאל גיט זיך עס איהר איין ביי די גרעסטע אנשטרענגונגען.

דער גענעראל סטרייק פון די דרעסמאכער איז ניט געווען דאס, וואס מען האט געהאפט און האט ממילא ניט געבראכט די רעזולטאטען, וואס מען האט פון איהם דערווארט. די דרעס אינדוסטריע איז אויסגעוואקסען ריזיג גרויס, אבער איז צוברעקעלט און צופיצעלט אין טויזענדע קליינע שעפער און דערצו האבען די דרעס מאנופעקטשורערס אנטוויקעלט אין די קליינע שטעדט און דערפער ארום ניו יארק אזא שענדליכע סוועטינג סיסטעם, וואס האט ניט קיין גלייכען אפילו אין די ערגסטע צייטען פון דער נארעל אינדוסטריע אין אמעריקא.

אין די צייטען פון א קריזיס און פון גרויסער ארבייטסלאזיגקייט איז א סטרייק אין אלגעמיין זעהר א ריזיקאלישע אונטערנעמונג, בפרט נאך אין אזא אינדוסטריע וואס איז צוברעקעלט און צופיצעלט. אבער די לאגע איז געווען אזוי שלעכט, אז מען האט געמוזט מאכען דעם שריט ווי ריזיקאליש ער איז ניט געווען.

עס איז קיין טרייסט ניט, וואס אין אנדערע טרעידס איז עס נאך ערגער געווען. דערפון ווערט קיינעם ניט בעסער, נאר ערגער. ווען אין אנדערע טרעידס איז נאך ערגער מיינט עס, אז אויך די קרובים און באקאנטע זיינען אויף גרויסע צרות, אז אויך די קינדער, וואס פלעגען ארויסהעלפען א ביסעל זיינען ארבייטסלאז און אז מען קען דעריבער איצט פון קיינעם ניט דערווארטען, ניט פון פרעמדע און ניט פון אייגענע.

אין אזעלכע שווערע, ביטערע צייטען האבען די ארבייטער געדארפט זיין וואס אייניגער און וואס בעסער ארגאניזירט. מיט פאראייניגטע כוחות וואלטען זיי דאך געקענט שאפען א שטארקען ווידערשטאנד און ניט דערלאזען, אז עס זאל נאך ערגער ווערען ווי עס איז. מיט פאראייניגטע כוחות וואלט דער גענעראל סטרייק אין דער דרעס אינדוסטריע דערגרייכט זיין ציל. עס וואלטען ארגאניזירט געווארען א סך נייע שעפער און עס וואלט איינגעפיהרט געווארען א יוניאן קאנטראל איבער'ן טרעיד. זיינען אבער די כוחות פון די ארבייטער ניט פאראייניגט. אנשטאט צו קעמפען מיט די באסעס קעמפען זיי גאר איינע נעגען די אנדערע. מען זוכט די שולד אומעטום — ביי דער יוניאן, ביי די באאמטע פון דער יוניאן, אבער נאר ניט ביי זיך אליין.

און עס וואלט אויך געווען בעסער דער צושטאנד פון די קלאוקמאכער, ווען זיי וואלטען ניט בלויז געזוכט די שולד אין דער יוניאן און אין די באאמטע, נאר אויך ביי זיך אליין. וואלטען דאך יוניאן באדינגונגען בעסער אפגעהיט ווערען אין די שעפער, ווען די ארבייטער אין די שעפער וואלטען אויף דעם אויפפאסען און וואלטען זיין אייניג און אנטשלאסען אפצוהיטען די יוניאן באדינגונגען. זיינען עס דאך די ארבייטער און ניט די יוניאן, וואס ארבייטען פון שטיק, ווען זיי דארפען ארבייטען פון דער וואך. עס זיינען די ארבייטער, וואס ארבייטען איבער־שטונדען, ווען מען טאר ניט און עס זיינען אויך די ארבייטער, וואס מאכען אפט יד אחת מיט דעם באס אפצונארען די יוניאן.

מיר באגריפען פון וואנען דאס קומט. די ארבייטער זיינען אויסגעהונגערט און ווען עס מאכט זיך זיי נאר וועלכע עס איז געלעגענהייט צו קריגען ארבייט זוכען זיי אריינצוכאפען וויפיל זיי קענען און ווי זיי קענען, ניט טראכטענדיג, אז זיי ברייגגען דערמיט שאדען זיך אליין, אז זיי רואינירען אין גאנצען דעם טרעיד און זייער לאגע וועט נאך ערגער ווערען.

מיר וויסען, אז עס איז שווער צו אפעלירען צום שכל, ווען דער מאגען איז ליידיג. הונגעריגע מענשען זיינען אויפגערעגט און אין כעס אויף אלעמען. עס איז אן אלטער כלל, אז ווען עס ענדיגט זיך דאס ברויט פון הויז פאנגט זיך אן קריג אין הויז. און עס זיינען אלע מאל פאראן דעמאגאגען, וואס זוכען אויסצונוצען יעדען אומגליק פאר זייערע אייגענע נוצען און צוועקען, בפרט נאך איצט, ווען עס עקזיסטירט א שטענדיגע ארגאניזאציע פון די געפערליכסטע דעמאגאגען, וואס קיין זאך איז פאר זיי ניט שענדליך און פארברעכעריש פאר זייער צוועק צו צוברעכען און צו פארניכטען די יוניאן.

עס ווילט זיך ניט אויפפרישען דעם זכרון און אונטערציהען א סך הכל פון דעם יאהר 1932, וואס האט אונז פארלאזען. עס זיינען ניט קיין אנגענעמע זכרונות. זאלען מיר דערמאנען, אז אין 1932 האט מען צונויפגעצעהלט אין די אינדוסטריעלע לענדער פון דער וועלט 35 מיליאן ארבייטסלאזע? און זאלען מיר דערצעהלען, אז ארום א דריטעל פון דער צאל זיינען געווען אין אמעריקא?

לאמיר בעסער פארגעסען אן דעם פארגאנגענעם יאהר מיט זיינע ליידען און אומגליקען, וואס ער האט געבראכט און לאמיר האפפען, אז דאס נייע יאהר וועט זיין בעסער. אבער מען דארף זיך ניט פארלאזען אויף גוטע וואונשען און גוטע האפנונגען. מען דארף עפעס טאן, אז די גוטע וואונשען און די גוטע האפנונגען זאלען דערפילט ווערען. און ווען די ארבייטער זאלען זיין אייניג אין זייער קאמף פאר א בעסערען לעבען וועלען זיי אין דעם נייעם יאהר זיכער זייער לעבען פארבעסערען.

ארגאניזאציאנס־ארבייט ביי די דרעסמאכער

דער גרויסער געשריי, וואס האט זיך אויפגעהויבן וועגן די דרעס סוועט שעפער אין קאנעטיקוט וועט אפשר ברענגען ממשות'דיגע רעזולטאטען. פארשפרעכונגען ווערען געמאכט, אז עס וועלען איינגעפירט ווערען געזעצען אין קאנעטיקוט, וואס וועלען געבען די מעגליכקייט צו באקעמפען די סוועט שעפער. היינט זיינען אזעלכע געזעצען ניטא אין קאנעטיקוט. עס איז אמת, אז ווען מען זאל אויסנוצען גאנץ שטרענג די קאנעטיקוטער געזעצען וועגען פרויען־ארבייט און מאנכע אנדערע מינדערוויכטיגע געזעצען וועגען ארבייט און אינדוסטריע וואלט די רעגירונגס־מאכט קענען מאכען גאנץ זויער דאס לעבען פון די באלעבאטים פון די סוועט שעפער. אבער דאס וואלט געווען שוין מעהר ווי צופיל צו דערווארטען פון א באלעבאטישער רעגירונג. דער אמת איז דאך, אז די רעגירונגס־מאכט האט זיך שטענדיג געשטעלט אין וועג דער יוניאן, ווען זי האט פראבירט שטערען די פרייע, שענדליכע עקספלואטאציע פון די סוועטינג באסעס.

מעגליך, אז דער געשריי, וואס איז געמאכט

פארבייגעהענדיג

פון צביון.

עס איז געווען זעהר נויטיג איבערצור־
בייטען דעם אלטען יאהר אויף א נייעם.
דער אלטער יאהר האט אין גאנצען ניט גע־
טויגט. ער איז געווען שלעכט פון אנפאנג
ביז'ן סוף. דאס איינציגע גוטס, וואס ער
האט געטאן, איז געווען, וואס ער איז אוועק־
געגאנגען פון אונז און מען איז פון איהם
פטור געווארען.

נאר אויב מיין זכרון נארט מיך ניט,
האבען מיר אומגעפער דאסזעלבינע געזאגט
פאר־א־יאהרען. אלע זיינען געווען זיכער, אז
דער יאהר 1931 איז געווען דער ערגסטער
און אז דער נייער יאהר, וואס וועט קומען
נאך איהם, וועט מוזען זיין בעסער, אבער
עס האט זיך אויסגעלאזען, אז דער יאהר
1932 איז געווען נאך ערגער. עס קומט
עפעס אויס ווי אידען פלעגען אמאל זאגען,
אז אויף א שלעכטען פריץ טאר מען קיין
מפלה ניט בעטען, ווייל עס קען קומען נאך
אן ערגערער פון איהם. עס מיינט צו זאגען,
אז צו שלעכטס איז קיין גרענעץ ניטא, עס קען
אלע מאל זיין נאך ערגער.

עס האט זיך ווירקליך געדאכט, אז ערגער
ווי דער יאהר 1931 האט שוין ניט געקענט
זיין. די צאהל פון ארבייטסלאזע האט ארי־
בערגעשטיגען צעהן מיליאן און ביי די, וואס
זיינען נאך געבליבען ארבייטען, האט מען
געשניטען וויידזשעס, פארערגערט די אר־
בייטס־באדינגונגען און זיי געלאזט פיהלען
יעדען טאג, אז זיי זיינען ניט זיכער מיט
זייער עקזיסטענץ. איז אבער געקומען דער
יאהר 1932 און האט געוויזען, אז עס קען זיין
נאך ערגער. אין 1932 האט די צאהל אר־
בייטסלאזע שוין אריבערגעשטיגען צוועלף מי־
ליאן, ביי די וואס זיינען געבליבען ארבייטען
האט מען געשניטען וויידזשעס נאך טיפער
און די נויט און די ליידען צווישען די גרויסע
מאסען פון די אמעריקאנער ארבייטער איז
געווארען נאך גרעסער.

וואס קען מען דערווארטען פון דעם נייעם
יאהר? ווען מען וויל זיין א גוטער מענש
קען מען זאגען גוטע נביאות. אבער אזא
גוטסקייט קאסט נארנישט און זי פארפליכ־
טעט צו קיין זאך ניט. קיינער וועט ניט געהן
פארקלאגען אימיצען אין געריכט דערפאר,
וואס זיינע גוטע נביאות איז ניט מקוים גע־
ווארען, און קיינער וועט ניט קומען מאנען
ביי איינעם, וואס האט פאראויסגעזאגט א
גוט יאהר און ער האט ניט געטראפען.

איך גיב צו, אז טרייסט־ווערטער, גוטע
האפנונגען זיינען עפעס ווערט. עס ווערט
דאך כאטש אויף א וויילע אביסעל פרעה־
ליכער אויפ'ן הארצען און מענשען באצאה־
לען מייסטענס גאנץ פיל, כדי צו קענען זיך
אפנארען כאטש אויף א וויילע. אבער איך
גלויב, אז די אמעריקאנער ארבייטער האבען
זיך שוין גענוג גענארט און זיי האבען דער־
פאר גאנץ טייער באצאהלט.

ווען די ארבייטער אין אמעריקא וואלטען
זיך ניט גענארט מיט פאלשע האפנונגען און
מיט אונבאגרינדעטע טרייסט־ווערטער וואל־
טען זיי ניט געבליבען אזוי רוהיג פאר מעהר
ווי דריי יאהר צייט פון אזא שווערען קריזיס.
ווען זיי וואלטען זיך ניט גענארט און זיך
ניט איינגערעדט, אז די שלעכטע צייטען ווע־
לען באלד פאראיבערגעהן וואלטען זיי ניט
געלאזען די באלעבאטים פון אמעריקא אזוי
רוהיג לעבען און גארנישט טאן פאר די מי־
ליאנען ליידענדע ארבייטער.

פאקטיש האלט דאך שוין דער קריזיס אן
פיר יאהר. ער האט זיך דאך אנגעהויבען
אין יאהר 1928. עס זיינען דאך שוין אין
יאהר 1928 געווען איבער פיר מיליאן אר־
בייטסלאזע. האבען דאך די פיהרער פון דער
דעמאקראטישער פארטיי אין וואהל־קאמף פון
1928 געוויזען ציפער און צאהלען, אז אין
לאנד הערשט א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט.
נישט מעהר, ביז 1929 האט עס זיך דער
רעפובליקאנער אדמיניסטראציע אין וואשינג־
טאן איינגעגעבען צו פארריידען דעם עולם
די צייהן און איהם אפנארען, אז אלץ איז
אין דער בעסטער ארדנונג. אין 1929, אבער,
נאך דעם גרויסען קראך אויף וואל סטריט,
וואס איז א רעזולטאט פון דעם פריהער אנ־
געקומענעם קריזיס, האט שוין אפילו הואווער
און זיינע העלפער מעהר ניט געקענט פאר־
לייקענען, אז שלעכטע צייטען זיינען אנגע־
קומען אין אמעריקא. אבער וואס איז גע־
טאן געווארען פאר די פיר יאהר צייט פון די
באלעבאטים איבער אמעריקא צו העלפען די
ארבייטסלאזע? אט די באלעבאטים, וואס
האבען אי דאס רייכטום פון לאנד אי די
הערשאפט פון לאנד אין זייערע הענד. זיי
האבען זיי געלאזען אויסגעהן פון נויט און
אין בעסטען פאל נדבות געגעבען און פאר
בעטלער געמאכט. און טרויעריגער ווי אלץ
איז, וואס די ארבייטער גופא, די ארגאניזירטע
אמעריקאנער ארבייטער האבען דאס בעטעל־
ברויט אנגענומען פאר גוט און האבען זיך
די גאנצע צייט אפגעזאגט צו פאדערען פון
דער רעגירונג, אז זי זאל איינפיהרען אר־
בייטסלאזען פארזיכערונג. ערשט איצט, נאך
פיר יאהר שווערען קריזיס, האבען זיי ענדליך
באשלאסען עס צו פאדערען. און מיר ווי־
סען, אז מען קריגט ניט גליך ווי מען פאנגט
אן פאדערען. עס דויערט א ביסעל. מען
דארף קעמפען פאר פאדערונגען ביז מען
קריגט זיי.

און עס זעהט גאר ניט אויס, אז די לאגע
זאל אין דעם נייעם יאהר בעסער ווערען.
אין געגענטייל. אלע פאראויסזאגונגען געהען
אין דער ריכטונג, אז אין יאהר 1933 וועט
די ארבייטסלאזיגקייט ווערען נאך גרעסער,
אויב די איצטיגע סיסטעם וועט ווייטער אנ־
געהאלטען ווערען.

אין דעם יאנואר נומער פון „הארפערס
מעגעזין" ערקלערט האוארד סקאט, איינער
פון די אמעריקאנער באריהמטע טעכניקער,
אז אויב די איצטיגע סיסטעם פון מאשינען
און פראפיטען וועט ניט געענדערט ווערען,
וועט אמעריקא האבען אין די נעקסטע צוויי
יאהר צוואנציג מיליאן ארבייטסלאזע. דאס
מיינט, צעהלענדיג די מיטגלידער פון די פא־
מיליעס, אז איבער 80 מיליאן פון דער אמע־
ריקאנער באפעלקערונג וועלען דירעקט ליידען
פון ארבייטסלאזיגקייט.

אמאל וואלט מען עס געהאלטען פאר א
פאנטאזיע און מען וואלט געזאגט, אז עס
איז דורכאויס אונמעגליך. היינט, אבער,
לאזט זיך עס גלויבען. האט מען דאך אויף
דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אמעריקען
פעדערעישאן אוו לייבאר אין סינסינעטי גע־
וויזען א חשבון, אז שוין איצט ליידען דירעקט
אין אמעריקע 60 מיליאן, נאהענט צו א
העלפט פון דער אמעריקאנער באפעלקערונג,
פון ארבייטסלאזיגקייט.

נאר איז עס גאר קיין גרענעץ ניטא? —
עס איז פאראן א גרענעץ. די גאנצע סיס־
טעם מוז צונויפברעכען. עס איז דאך ניט
מעגליך, אז זי זאל קענען בלייבען עקזיס־
טירען, ווען צוויי־דריטעל פון דער באפעלקע־
רונג וועט זיין ארבייטסלאז.

***

וועלען אבער די באלעבאטים דערלאזען
צונויפברעכען די סיסטעם אין וועלכער עס
לעבט זיך זיי אזוי גוט און אזוי לייכט?
וועלען זיי ענדליך ניט אננעמען ראדיקאלע
מיטלען צו פארהיטען די סיסטעם זייערע פון
א צוזאמענברוך? זייערע אייגענע מענשען,
זייערע אייגענע עקאנאמיסטען און סאציאלא־
גען זאגען דאך זיי, אז זיי מוזען גאנץ רא־
דיקאל רעפארמירען די איצטיגע קאפיטאליס־
טישע סיסטעם. איז עס אבער מיט די אמע־
ריקאנער באלעבאטים פונקט דיזעלבינע גע־
שיכטע, וואס מיט די אמעריקאנער ארבייר־
טער — אויך זיי נארען זיך און האפען, אז
די שלעכטע צייטען וועלען באלד פאראיבער־
געהן. און זיי איז א סך לייכטער זיך צו
נארען. וואס צו עסען און וואס אנצוטאן
האבען זיי און וואו צו וואוינען אויך. זיי
האבען נאך אפילו אויף אויטאמאבילס, טעא־
טער און בעלער און אויף אלע אנדערע זא־
כען צו וועלכע די באלעבאטים זיינען צוגע־
וואוינט. אמת טאקע, ביי מאנכע פון זיי געהען
איצט די געשעפטען ניט אזוי גלענצענד, די
פראפיטען זיינען קלענער און מען קען איצט
ניט מאכען מיליאנען דאלארס אזוי לייכט
ווי פריהער, אבער מען קען נאך לעבען און
מען דארף דעריבער קיין ראדיקאלע ענדער־
רונגען אין דער סיסטעם ניט מאכען. ריידען
טעארעטיש — דאס קען מען, אבער פון
טעאריע ביז פראקטיק איז א גאנץ היבשער
מהלך. און ווען איינער פאנגט אן ריידען
וועגען זאכען, וואס דארפען ש ו י ן גע־
טאן ווערען און ער זאגט עס נאך אין אזא
שפראך, וואס איז מעהר צוגעפאסט צו פראק־
טיק ווי צו טעאריע, און ער רעדט ווערטער
אין וועלכע עס הערט זיך קאמף, ווערען די
באלעבאטים גאנץ שטארק ברוגז.

אט האט פרעזידענט וויליאם גרין פון
דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר אין
א רעדע אויף דער סינסינעטער קאנווענשאן
זיך א ביסעל צואווארימט וועגען דער פא־
דערונג פון א 6 שטונדיגען ארבייטס־טאג
און א 5 טעגיגער ארבייטס וואך און ער האט
ארויסגערעדט עטליכע ווערטער, וואס האבען
אין די אויערען פון די באלעבאטים געקלונ־
גען צו רעוואלוציאנער, זיינען זיי שטארק
ברוגז געווארען.

וויליאם גרין האט אין די באלעבאטישע
צייטונגען געהאט די רעפוטאציע פאר א סטא־
טעטשנעם ארבייטער פיהרער און זיי פלעגען
פאר איהם אפט האבען א פריינדליך ווארט.
קוים אבער האט וויליאם גרין געזאגט אין
זיין רעדע, אז די ארבייטער אין אמעריקא
וועלען זיך ניט באנוגענען מיט בלויז ריידען
וועגען א דרייסיג שטונדיגער ארבייטס־וואך,
נאר זיי וועלען באנוצען זייער גאנצע מאכט
און קראפט זייער פאדערונג דורכצופיהרען
אין לעבען, זיינען אלע באלעבאטישע צייר־
טונגען ארויסגעקומען מיט א רוגזה: סטייטש!
וואס הייסט זיך באנוצען מיט מאכט און
קראפט? דאס טאר מען ניט, דאס וועט מען
ניט דערלאזען! אזעלכע ווערטער דארפען
פאראנטווארטליכע פיהרער פון מויל ניט
ארויסריידן, בפרט נאך אין אזא צייט. מאנ־
כע באלעבאטישע צייטונגען האבען עס נאך
געמאכט שטארקער. זיי האבן פראוואצירט און
געזאגט: נו, פרובירט אקארשט נעמען מיט
מאכט און קראפט! ווייזט אייערע כחות,
אויב איהר האט זיי, און מיר וועלען זעהן.

די באלעבאטים קענען אויסהערען מיט
א געוויסער רוהינקייט די טעאריע, אז די
דרייסיג שטונדיגע ארבייטס־וואך קען פאר־
קלענערען די ארבייטסלאזינקייט און ממילא
שוואכער מאכען דעם קריזיס, אבער ווען מען

נעווארען איבער גאנץ אמעריקע וועגען דער שאנד פון קאנעטיקוט וועט ווירקליך פיהרען דערצו, אז עס זאל דארטען געשאפען ווערען געזעצען, וואס זאלען געבען א מעגליכקייט צו באקעמפען די דרעס סוועט שעפער. אבער מען דארף ניט פארגעסען, אז דער וועג פון געזעצגעבונג איז אפט א גאנץ לאנגער. די פריינד פון די סוועט־שאפ באלעבאטים וועלען זיכער ניט אזוי לייכט דערלאזען איינצופירען אזעלכע געזעצען. און אין קאנעטיקוט זיינען פאראן א סך פריינד פון די סוועט־שאפ באלעבאטים. די דרעס מאכער אין ניו יארק דארפען דעריבער זיך ניט פיל פארלאזען אויף־דער הילף וואס וועט צו זיי קומען פון דער געזעצגעבונג אין קאנעטיקוט. די לאגע פון די דרעס מאכער אין ניו יארק קען בעסער ווערען, ווען זיי וועלען פאראייניגען זייערע כוחות צו ארגאניזירען די דרעס שעפער אין ניו יארק.

די סוועט שעפער אין קאנעטיקוט ברייננען זיכער א סך שאדען די דרעס מאכער אין ניו יארק, אבער די סוועט שעפער אין ניו יארק ברייננען זיי אונפארגלייכליך א סך מעהר שאדען. אין איין ווינקעל פון ניו יארק זיינען פאראן א סך מעהר סוועט שעפער ווי אין גאנץ קאנעטיקוט.

און ווען די דרעס אינדוסטריע וואלט ווי געהעריג געווען ארגאניזירט אין ניו יארק וואלט מען זיך א סך לייכטער געקענט ספראווען מיט די סוועט שעפער אין קאנעטיקוט אדער ערגעץ אנדערשוואו ארום ניו יארק.

די דרעס מאכער אין ניו יארק דארפען צונויפנעמען זייערע כוחות פאר א גרויסער, ברייטער און פאראקשענטער ארגאניזאציאנס־ארבייט. מיר זאגען א „פאראקשענטע", ווייל אזא ארבייט קען ניט געטאן ווערען אין איין וואך און ניט אין איין חודש. עס איז א שווערע, לאנגזאמע ארבייט צו וועלכער מען דארף האבען געדולד און אויסדויער. אנדערש קען זי ניט געטאן ווערען און קען קיין ערפאלג ניט האבען. און אויב די דרעס מאכער קענען זיך ניט איבערגעבען צו אט דער נויטווענדיגער און איינציג וויכטיגער ארבייט, דעמאלט זאלען זיי אויפהערען באשולדיגען אנדערע און זוכען די שולד אין זיך.

ווער האט רואינירט די קלאוק־אינדוסטריע?

די צייטונגען דערצעהלען, אז לעפקאורט, איינער פון די אמאליגע ריזען אין דער קלאוק אינדוסטריע און שפעטער א גרויסער באנקיר און א גרויסער רעאלטאר, וואס האט געבויט ריזיגע געביידעס אין ניו יארק, האט אין גאנצען איבערגעלאזען פינף־און־צוואנציג הונדערט דאלאר ירושה.

האט דאס עפעס א שייכות צו אונז? — עס האט זעהר א גרויסע שייכות. עס דארף אונז שטארק אינטערעסירען דער פאקט, אז לעפקאורט האט געמאכט מיליאנען אין דער קלאוק אינדוסטריע און פארלארען די מיליאנען האט ער ערגעץ אנדערשוואו. און ער איז געווען ניט דער איינציגער.

מען האט א סך גערעדט און א סך געשריבען וועגען דער קלאוק אינדוסטריע, וועלכע איז היינט אזוי רואינירט. די קלאוק מאנופעקטשורערס וועלען אייך צו יעדער צייט זאגען, אז דאס איז די שולד פון די ארבייטער. זיי, די ארבייטער, האבען אויף דער קלאוק אינדוסטריע ארויפגעצוואונגען צו שווערע יוניאן באדינגונגען, צו הויכע פרייזען פאר דער ארבייט. און עס געפינען זיך מענשען, וואס רעכענען זיך פאר ארבייטער־פריינד, און זאגען, אז אין די באהויפטונגען פון די מאנופעקטשורערס איז פאראן א שטיק אמת. אבער מען דארף האבען די פסיכאלאגיע פון א מאנופעקטשורער צו קענען ווארפען די שולד אויף די ארבייטער, אז זיי האבען די קלאוק אינדוסטריע אויסגענוצט צופיל פאר זיך. וואו און וואס האבען די קלאוקמאכער אויסגענוצט די אמאליגע גינסטיגע לאגע פון דער קלאוק אינדוסטריע? זיי זיינען געווען קבצנים און זיי זיינען היינט נאך גרעסערע. עס זיינען אין דער אמת געווען די מאנופעקטשורערס, וואס האבען די קלאוק אינדוסטריע רואינירט. זיי האבען איהר איינפאך אויסגערויבט. זיי האבען ארויסגעשלעפט פון איהר מיליאנען דאלארס און זיי זיינען פון איהר אזועק, כדי צו פארטאכלעווען דאס געלד ערגעץ אין אנדערע אונטערנעמונגען אדער ספעקולאציעס.

ווען די קלאוק מאנופעקטשורערס וואס האבען געמאכט מיליאנען אין דער קלאוק אינדוסטריע וואלטען פון איהר ניט אנטלאפען, ווען זיי וואלטען ניט גענומען די מיליאנען און ספעקולירט מיט זיי אויף דער בערזע, אין ריעל עסטייט אדער באנק־געשעפט, נאר וואלטען דאס געלד געלאזען אין דער קלאוק אינדוסטריע וואלט די לאגע געווען א גאנץ אנדערע. עס וואלט ניט בלויז געווען בעסער פאר דער קלאוק אינדוסטריע, נאר אויך פאר די לעפקאורטס און זייער גלייכען. זיי וואלטען איבערגעלאזען ירושה מעהר ווי פינף־און־צוואנציג הונדערט דאלאר.

עס איז מעגליך, אז אין דער צייט פון קריזיס וואלטען די לעפקאורטס און די אנדערע, וואס האבען געמאכט מיליאנען אין דער קלאוק אינדוסטריע, פארלארען א טייל פון זייערע גרויסע פארמעגענס אויך ווען זיי וואלטען געבליבען אין דער קלאוק אינדוסטריע, אבער דאס וואלט געווען א בארעכטיגטער פארלוסט, דארטען וואו מען מאכט גרויסע פארמעגענס דארף מען זיין אויך גרייט צו פארלירען א טייל פון זיי. און דער פארלוסט איז ניט אין גאנצען קיין פארפאלענער. ער העלפט אויפצוהאלטען די אינדוסטריע אין דער שווערער צייט, אז זי זאל ניט רואינירט ווערען און שפעטער, ווען די צייט וועט בעסער ווערען וועט מען ווידער קענען מאכען אין איהר מיליאנען און איינמאנען דעם פריהערדיגען פארלוסט מיט גרויסע פראצענטען. אזוי פיהרט זיך עס אין די מייסטע גרויסע אינדוסטריען אין אמעריקע.

די קלאוק מאנופעקטשורערס, אבער, האבען אין דער קלאוק אינדוסטריע אנגעפירט א רויב־ווירטשאפט. זיי האבען געהאט אין זינען ניט די עקזיסטענץ פון דער אינדוסטריע און איהר אנטוויקלונג נאר וואס מעהר איהר אויסצורויבען און אוועקגעהן פון איהר. און האבענדיג דאס אין זינען האט זיי ניט געקימערט איינצושטעלען געזונטע און שטאנדהאפטע באדינגונגען אין דער אינדוסטריע. זיי האבען אלע מאל געזוכט מיטלען ווי אזוי איבערצומאכען די אינדוסטריע אויף אזא אופן, אז די יוניאן זאל איהר קענען וואס ווייניגער קאנטראלירען און אז זיי זאלען קענען ארויסשלעפען פון איהר וואס מעהר מיליאנען. דערפון שטאמען די סאב־מאנופעקטשורערס, די פארשידענע מינים קאנטראקטארס, די פארשידענע מינים דזשאבערס און אזוי ווייטער. דער רעזולטאט איז, אז די קלאוק אינדוסטריע איז געווארען צוברעקעלט און צופיצעלט און רואינירט.

ברויט

פון נחום י.

●

גאט פארשאלטען האט דעם מענשען
אויף דער ערד,
און דאס ברויט מיט שוויים פון פנים
אים באשערט.

נאר דאס ברויט פארביטערט האבען
מיר אליין,
אין דעם טריבען טאל פון טרערען
און געוויין.

מאטערען זיך מענשען יארען, דורות
נאכאנאנד...

וויפיל קנאה, האס און צארן,
וויפיל שאנד!

טייער קאסט אונז, — אוי, ווי טייער,
אונזער ברויט —
און מיר מוזען פאר אים צאלען
ביז'ן טויט!...

דער נייער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן

דער נייער דזש. באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן, וועלכער נעמט איבער די פיהרונג פון דער יוניאן פאר דעם נייעם יאר, וועט האבען פאר זיך א גאנץ שווערע ארבייט און זי נויטיגט זיך אין א סך גוטע וואונשען, אז זי זאל אלץ דורכפיהרען מיט ערפאלג.

עס איז ניט נויטיג צו דערמאנען ווי שווער און ביטער עס איז די לאגע פון די קלאוקמאכער. עס איז שלעכט פאר די וואס געהען ארום אהן ארבייט און עס איז אויך ניט גוט פאר די וואס האבען אביסעל ארבייט. די באלעבאטים נוצען אוים די שווערע לאגע פאר זייערע אינטערעסען און דריקען די ארבייטער וואו זיי קענען נאר. עס הייסט, אז ווען מען האט שוין אפילו ארבייט פארדינט מען אויך ווייניג, און פיהרען די יוניאן אין אזא ביטערער צייט איז זעהר א שווערע אויפגאבע.

פאר'ן נייעם דזש. באארד איז שוין אין פאראוים אוועקגעשטעלט געווארען איינע פון די שווערסטע פראגען פון דער קלאוקמאכער יוניאן, וואס איז אין דער לעצטער צייט געווארען גאנץ באזונדערס ערנסט — דאס איז דאס ארויספירען די ארבייט פון די ניו יארקער שעפער אוט אוו טאון. דאס ארויספירען די ארבייט פון ניו יארק, וואס איז איינפאך געווארען עפידעמיש אין דער לעצטער צייט, פארגרעסערט נאך מעהר די ארבייטסלאזיגקייט צווישען די ניו יארקער קלאוקמאכער.

דער נייער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן וועט אויך האבען אויף זיך די שווערע אויפגאבע צו שליסען א נייעם אגרימענט מיט די קלאוק מאנופעקטשורערס. דער איצטיגער אגרימענט ענדיגט זיך אין עטליכע חדשים ארום. ער איז געמאכט געווארען בלויז פאר איין יאהר. דער נייער דזשאינט באארד וועט דעריבער שוין באלד דארפען אנפאנגען פארהאנדלען די פראגע וועגען א נייעם אגרימענט און מעגליך אויך זיך צוגרייטען צו א קאמף.

דער נייער דזשאינט באארד נויטיגט זיך דעריבער זעהר שטארק אין גוטע וואונשען, אבער כדי די גוטע וואונשען אונזערע זאלען מקוים ווערען איז נויטיג, אז די מיטגלידער פון דער יוניאן זאלען העלפען דעם דזשאינט באארד אין דער שווערער ארבייט, וואס שטעהט איהם פאר. אן אקטיווער אנטייל פון די מיטגלידער אין דער טעטיגקייט פון דער יוניאן איז אלעמאל נויטיג, בפרט נאך אין דער איצטיגער שווערער ביטערער צייט. יעדער דארף האלטען פאר זיין פליכט צו העלפען אין דער ארבייט און מיט פאראייניגטע קרעפטען קענען די ארבייטער בייקומען די גרעסטע שוועריגקייטען אין זייער וועג.

רען זיי אוועק און דאס וועט מעהר העלפען. עס וועט ניט העלפען אין גאנצען, אבער א ביסעל קען עס אפשר יא העלפען. און אזוי ווי די קלאוק מאכער האבען איצט א סך צייט קענען זיי עס פראבירען. שאדען וועט עס געוויס ניט.

* * *

האט איהר געהערט דאס ווארט „טעכנאקראטיע"? דאס איז איצט דאס נייעסטע ווארט, וואס איז געשאפען געווארען אין דער לעצטער צייט און וואס פארשפרעכט אונז צו באפרייען פון קריזיס און פון ארבייטסלאזינקייט.

טעכנאקראטיע מיינט די הערשאפט פון טעכניק, אדער די הערשאפט פון טעכניקער.

די הערשאפט פון טעכניק מיינט, אז ניט־פאליטיקער זאלען פיהרען די באלעבאטישקייט אין לאנד, נאר טעכניקער, טעכנישע ספעציאליסטען. דאס איז אפשר ניט קיין שלעכטער פלאן. די פאליטיקער האבען אריינגעפיהרט די וועלט אין א בלאטע און קענען איהר ניט ארויסשלעפען, דארף מען לאזען די טעכניקער, אז זיי זאלען עס טאן. מיר לעבען היינט אין א טעכנישער וועלט, די טעכניק באהערשט אלעמען און אלץ, קלינגט עס דעריבער גאנץ לאגיש, אז די טעכניקער זאלען זיין די פיהרער פון אונזער באלעבאטישקייט. אבער אויך טעכניקער קענען ווערען פאליטיקער, פונקט ווי פאליטיקער קענען זיין טעכניקער. אייגענטליך וועלען די טעכניקער מוזען ווערען פאליטיקער, ווען זיי וועלען ווערען די פיהרער פון דער ווירטשאפט. נאר דאס איז א פונקט, וואס דארף נאך אויסגעארבייט ווערען און קלערער באשטימט ווערען. דער עיקר איז, אז די טעכניק זאל הערשען און אז אונזער איצטיגער פאליטישער סיסטעם זאל פארביטען ווערען אויף א סיסטעם פון טעכניק און טעכניקער, א סיסטעם וואס וועט מעגליך מאכען, אז מענשען זאלען ארבייטען בלויז זעכצעהן שטונדען א וואך און לעבען אין קאמפארט.

מיט דעם אפשאפען פון דעם פאליטישען סיסטעם, מיינט די נייע טעאריע די אפשאפונג פון דעם איצטיגען פרייז־סיסטעם, עס הייסט, ווי אזוי ווערטען פון סחורות ווערען באשטימט. היינט ווערען די ווערטען פון סחורות אויסגעדריקט אין געלד־איינהייטען — אין סענטען, דאלארס, סאנטימען, פראנקען א. ז. ו. אבער דער דאלאר גופא האט דאך א פארענדערטען ווערט. איין טאג קען מען פאר דעם דאלאר קויפען מעהר און א צווייטען טאג ווייניגער. היינט קען מען פאר דעם דאלאר קויפען א סך מעהר ווי מיט דריי יאהר צוריק. און ווי קען מען אין אלגעמיין מעסטען ווערטען? עס איז דאך ניטא קיין מאס מיט וואס מען זאל עס קענען מעסטען. מען ווייס, אז א פונט ברויט איז אלעמאל א פונט ברויט, אבער די געוויכט ברויט פאר א דאלאר איז אינגאנצען אונבאשטימט. היינט קען 25 פונט ברויט זיין פאר א דאלאר און מארגען קען עס זיין 20 פונט אדער 30 פונט.

דער דאלאר אדער וועלכע־עס־איז אנדערע געלד־איינהייט, שטעלט מיט זיך ניט פאר קיין פיזיקאלישע מאס ווי, למשל, א פונט, א יארד, א קווארט. א דאלאר, א פראנק, א מארק, א רובעל זיינען איינהייטען, וואס זיינען גאנץ ווילקירליך באשטימט געווארען און זיי זיינען אין גאנצען ניט צוגעפאסט צו אונזער איצטיגער טעכנישער ווירטשאפט. די איינהייט אויסצודריקען ווערטען אדער פרייזען דארף זיין ענערגיע. אין דער פיזיק האבען מיר א געוויסען נאמען פאר א געוויסער מאס ענערגיע, אדער ארבייט. זאגען מיר, למשל, אן „ערג", א „זשאול", א וואט, אדער קאלאריע.

נאר וואס וועט זיין דערפון, אז מען וועט שוין אויסדריקען דעם ווערט פון זאכען דורך ענערגיע?

דא פאנגט זיך אן דער עיקר פון דער טעאריע. די פרייז־סיסטעם אדער פראפיט־סיסטעם, ווי זי עקזיסטירט איצט, איז א סיסטעם פון מאכען חובות. די חובות פון דער אמעריקאנער אינדוסטריע באטרעפען איצט איבער צוויי הונדערט ביליאן דאלאר. אויף די חובות דארף מען צאהלען ריזיגע סומען פראצענטען. פון וואנען אבער זאל מען נעמען צו צאהלען אט די ריזיגע סומען? דאס מוז ארויפגעשטעלט ווערען אויף די פרייזען פון די פראדוצירטע סחורות. אבער כדי די פרייזען פון די סחורות זאלען דאך איינברענגען א פראפיט פאר'ן פאבריקאנט, ווייל פראפיט איז זיין איינציגער ציל, מוז ער פראדוצירען וואס מעהר סחורה און באשעפטיגען וואס ווייניגער ארבייטער. און דא דערצעהלען די טעכנאקראטען ווי אזוי מען קען איצט פראדוצירען א סך מיט ווייניג ארבייטער. און גראד דאס ווייסען זיי זעהר גוט צו דערצעהלען. זיי זיינען אינזשינערען און האבען א לענגערע צייט שטודירט די פראגע און צונויפגעקליבען גאנצע בערג מיט ציפערען און פאקטען. מאנכע פון זיי האבען אויסגערעכענט אויף דעם גרונט פון די געזאמעלטע ציפער און פאקטען וועגען דער אנטוויקלונג פון דער איצטיגער טעכניק, אז ווען אלע אין אמעריקא צווישען דעם עלטער פון 20 און 45 יאהר זאלען ארבייטען איז עס גענוג אן ארבייטס־וואך פון דרייצעהן שטונדען און מען וועט קענען לעבען אזוי באקוועם ווי היינט א פאמיליע וואס פארלעבט 20 טויזענד דאלאר א יאהר.

איצט פארשטעהט איהר שוין, אז ווען דער ווערט פון זאכען זאל אויסגעדריקט ווערען דורך ענערגיע, אדער ארבייט, ווערט געלט, ווי מיר האבען עס היינט, אין גאנצען אפגעשאפט. און ווערט אפגעשאפט געלד אלס די מאס פון ווערטען, ווערען ממילא אפגעשאפט די אלע פארשיידענע אנגעזאמעלטע חובות, ווייל אלע חובות דריקען זיך אויס אין דער פארם פון געלד, און מיט דער אפשאפונג פון דעם איצטיגען פרייז־סיסטעם, וואס איז פארבונדען מיט דעם איצטיגען געלד־סיסטעם, מוז פאקטיש אויך אפגעשאפט ווערען דער איצטיגער פראפיט־סיסטעם.

נאר וואס וועט זיין די סיסטעם וואס וועט פארבייטען די פראפיט־סיסטעם? דער שכל איז מחייב, אז די סיסטעם דארף זיין א סאציאליסטישע, אבער ביז אזוי ווייט האבען זיך די טעכנאקראטען נאך ניט דערטראכט. זיי ווייזען אן גאנץ גוט, אז די איצטיגע סיסטעם טויג ניט. עס קומט ארויס ביי זיי פולשטענדיג קלאר ווי אזוי די פראפיט סיסטעם און דורך איהר די אנטוויקלונג פון דער טעכניק האט געשאפען די גרויסע ארבייטסלאזינקייט, ווי אזוי עס האבען זיך אנגעקליבען אזעלכע ריזיגע חובות און ממילא האבען די באנקירען געמוזט ווערען די הויפט־באלעבאטים פון לאנד, אבער עס קומט ביי זיי גאר ניט קלאר ארויס וואס עס זאל זיין די נייע סיסטעם, וואס דארף פארנעמען דעם פלאץ פון דער באנקראטירטער פראפיט סיסטעם. זיי קענען אויך ניט זאגען ווי אזוי די טעכנישע ספעציאליסטען זאלען איבערנעמען די פיהרערשאפט אין אונזער באלעבאטישקייט. ווער וועט זיי די פיהרערשאפט איבערגעבען? און וועט עס זיין א דעמאקראטיע, אדער א דיקטאטור?

די מעשה מיט די טעכנאקראטען איז, אז דאס וואס איז ביי זיי קלאר איז ניט זייער איינענע. אנדערע האבען עס שוין א סך פריהער פון זיי געזאגט. א גרויסען טייל דערפון געפינט מען אין דער סאציאליסטישער ליטעראטור. און דאס וואס איז זייער אייגענע איז ניט קלאר. אמת, עס קומט זיי אנערקענונג, וואס זיי האבען געזאמעלט א סך ציפערען און פאקטען, וואס באווייזען די ריכטינקייט פון די באהויפטונגען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון אנדערע פריהער פאר זיי. אבער באשטעטיגען מיט פאקטען און ציפער אלטע באהויפטונגען מיינט ניט שאפען קיין נייע טעאריע. דאס נייע אבער, וואס די טעכנאקראטען זאגען, איז זעהר ניט קלאר און זעהר ניט באשטימט. עס איז משמעות זיי אליין נאך ניט קלאר.

בלייבט טאקע דעריבער נאך אלץ די אלטע פראגע: וואו נעמט מען ארבייט און וואו נעמט מען אויף חיונה און מיט וואס צו צאהלען דירה געלד?

די סאציאליסטען האבען אויף דעם א קלארען ענטפער, אבער מען פאלגט זיי ניט.

* * *

די אלע פארשידענע חשבונות, וואס די מאשינען קענען פראדוצירען, מעגען זיין גאנץ אינטערעסאנט. די נייע מאשינען קענען ווירקליך אויפטאן וואונדער, אבער איין חשבון איז דאך פאלש, און דאס איז, אז די מאשינען קענען פראדוצירען מעהר וויפיל די מענשען קענען פארברויכען.

עס איז מעגליך, אז אין דער נאהענטער צוקונפט, ווען נייע ערפינדונגען וועלען געמאכט ווערען, און זיי ווערען אויך כסדר געמאכט, וועלען די מאשינען ווירקליך קענען פראדוצירען מעהר ווי די מענשען קענען פארברויכען, אבער היינט קענען נאך די מענשען אלץ מעהר פארברויכען ווי די מאשינען קענען פראדוצירען, ווען די מענשען זאלען נאר האבען מיט וואס צו קויפען די אלע גוטע און ניצליכע זאכען, וואס די מאשינען מאכען.

זאל נאר יעדער קענען קויפען אן אויטאמאביל און די אויטאמאביל פאבריקען וועלען ניט האבען גענוג ארבייטער צו שאפען די אלע נויטיגע אויטאמאבילען. און אן אויטאמאביל איז היינט ניט מעהר קיין לוקסוס. און אויב אפילו א לוקסוס, טא וואס איז? מענשען, אלע מענשען, זיינען בארעכטיגט צו אלע באקוועמליכקייטען וואס די וויסענשאפט, די טעכניק און מענשליכע הענט קענען באשאפען. און דאס וואס איז היינט א לוקסוס ווערט מארגען א נויטווענדיגקייט ווען מען געוועהנט זיך צו.

און זאל מען פראבירען אראפווארפען אט די פארשידענע אלטע חורבות אין וועלכע מענשען וואוינען נאך, און אויפבויען אויף זייער פלאץ מאדערנע הייזער מיט אלע נויטיגע מאדערנע איינריכטונגען, וועלען דעמאלט ניט זיין גענוג ארבייטער אין דער בוי־אינדוסטרי דורכצופיהרען די ארבייט.

און עס זיינען נאך פאראן מיליאנען מענשען אין אמעריקא וואס נויטיגען זיך אין קליידער, אין שיך, אין וועש א. אז. וו. זאל מען זיי נאר געבען מיט וואס צו קויפען און עס וועלען דעמאלט אויספעלען קלאוקמאכער, דרעסמאכער און שניידער אין אמעריקא.

און ווען מיר ריידען וועגען מענשען, דארפען מיר דאך האבען אין זינען ניט בלויז די מענשען אין אמעריקא. עס זיינען פאראן מענשען אין אנדערע לענדער, וואס קענען געברויכען די זאכען, וואס ווערען פראדוצירט אין אמעריקא. זאלען די מענשען אין כינא, למשל, האבען מיט וואס צו קויפען די זאכען, וואס מען מאכט אין אמעריקא, און עס וועט אונז דא אויספעלען ארבייטער, אנשטאט צוועלף מיליאן זאלען ארומגעהן ארבייטסלאז.

מען דארף פארלויפיג בלויז געבען די מענשען א מעגליכקייט צו קויפען וואס זיי האבען נויטיג, און דערצו פארקירצען דעם ארבייטסטאג, און מען וועט ניט דארפען זארגען, אז די מאשינען וועלען פראדוצירען צופיל.

פאנגט אן ריידען ניט בלויז טעאריע נאר אויך פראקטיק, ווען מען זאגט זיי, אז די ארבייטער דארפען אנפאנגען איינפיהרען די דרייסיג שטונדיגע ארבייטס־וואך שוין באלד, דעמאלט פארלירען זיי זייער רוהיגקייט און ווערען אין כעס. דאס קאפיטאליסטישע הארץ פאנגט אן פראטעסטירען.

זיי וויסען, די באלעבאטים, אז אין דער איצטיגער צייט וועט זיי די דרייסיג שטונ־דיגע ארבייטס־וואך ניט טייערער קאסטען. עס איז אמת, אז די ארבייטער פארלאנגען, אז מען זאל זיי פאר דער דרייסיג שטונדיגער וואך צאהלען דיזעלבינע וויידזשעס, וואס פאר דער 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך, אבער מען פארשטעהט, אז אין דער איצטיגער צייט איז דאס שווער דורכצופיהרען. דער עיקר איז היינט פארקירצען דעם ארבייטס־טאג און שאפען די מעגליכקייט, אז די ארבייטסלאזע זאלען קענען קריגען ארבייט. די באלעבא־טים וויסען דעריבער, אז אין דעם איצטיגען מאמענט האבען זיי זיך גאנץ ווייניג וואס צו שרעקען, אז ארבייט וועט זיי קאסטען טייע־רער דורך דעם, וואס א קירצערער ארבייטס־טאג און א קלענערע ארבייטס־וואך וועט איינגעפיהרט ווערען, אבער זיי זיינען דאך געגען דעם. זייער מורא איז, אז זיי וועלען ניט קענען נאך מעהר אראפדריקען די וויי־דזשעס פון די ארבייטער, ווען דער ארבייטס־טאג וועט קירצער געמאכט ווערען. און נאך מעהר האבען זיי מורא, אז ווען די ארמעע פון די ארבייטסלאזע וועט קלענער ווערען וועלען די ארבייטער ווערען תקיפ'ער ביי זיך און וועלען זיך ניט לאזען אזוי דריקען און טרעטען.

⁂

איך האב פריהער דערמאנט וועגען דער באהויפטונג פון האווארד סקאט, אז אויב עס וועלען ניט געמאכט ווערען קיין ראדיקאלע ענדערונגען אין אונזער ווירטשאפטליכער סיסטעם וועלען אין די נעקסטע פאר יאהר זיין צוואנציג מיליאן ארבייטסלאזע. ער זאגט עס ניט סתם אין דער וועלט אריין, נאר אויף דעם גרונט פון די טעכנישע ערפינדונ־גען און מאשינען, וואס ווערען כסדר געמאכט. אט האט אין ניו דזשוירזי א פאבריק פון קינסטליכער זייד (רעיאן) איינגעשטעלט נייע מאשינען, וואס וועט אין גאנצען ארבייטען אהן ארבייטער. אלע מאשינען וועלען בא־טריבען ווערען און קאנטראלירט ווערען דורך עלעקטרישע אפאראטען. עס וועט זיין נוי־טיג בלויז איין ארבייטער, אן עלעקטראטעכ־ניקער, וואס וועט דארפען האבען צו טאן מיט דעם עלעקטרישען שטראם.

עס איז לייכט צו באגרייפען, אז אויב דאס וועט געטאן ווערען אין איין פאבריק פון דער רעיאן אינדוסטריע וועלען עס באלד די אנדערע רעיאן פאבריקען מוזען נאכטאן, ווייל אנדערש וועלען זיי דאך ניט קענען ביי־שטעהן די קאנקורענץ. און אויב עס איז מעגליך צו באטרייבען מאשינען אהן דער הילף פון ארבייטער אין דער רעיאן אינדוס־טריע וועט דאס דאך געוויס אויך מעגליך געמאכט ווערען אין אנדערע אינדוסטריען.

די אנטוויקלונג פון דער טעכניק קומט איצט אריין אין א נייער סטאדיע. אין איהר ערשטער סטאדיע האט זי געשאפען געצייג און מאשינען, וואס האבען געהאלפען די אר־בייטער אין זייער ארבייט. עס זיינען געווען קליינע איינפאכע מאשינען און אפאראטען. אין איהר צווייטער סטאדיע האט זי געשאפען מאשינען און אפאראטען, וואס דער ארביי־טער איז געווארען א געהילף ביי זיי. די מאשינען האבען געטאן די ארבייט און דער ארבייטער האט בלויז זיי צוגעהאלפען מיט אונטערטראגען זיי מאטעריאל און זיי בא־דינען. אין איהר איצטיגער דריטער סטאדיע האט די טעכניק אנגעפאנגען שאפען מאשי־נען וואס דארפען די ארבייטער ניט האבען אפילו פאר געהילפען. די מאשין העלפט זיך אליין און זי האט אנדערע מאשינען, וואס העלפען איהר אין איהר ארבייט.

עס איז אויסגערעכענט געווארען, אז שוין אין דעם איצטיגען צושטאנד פון דער טעכ־נישער אנטוויקלונג אין אמעריקא איז גענוג, אז א מענש זאל ארבייטען ניט מעהר ווי 16 שטונדען א וואך און ער זאל קענען לעבען אין קאמפארט. ביי דער ווייטערדיגער אנט־וויקלונג פון דער טעכניק וועט אויך א 16־שטונדיגע ארבייטס־וואך זיין צו לאנג.

ווי איהר זעהט, איז די פאדערונג פון די ארבייטער אין אמעריקא איינצופיהרען א 30 שטונדיגע ארבייטס־וואך ווייט ניט קיין רא־דיקאלע.

⁂

אין דעם מאנאטליכען געשעפטס איבער־זיכט, וואס די אמעריקען פעדערייש און לייבאר גיט ארויס, קלינגט אן אפטימיסטישער טאן. עס ווערט דארטען געזאגט, אז דער קריזיס האט ענדליך דערגרייכט דעם דעק פון דעם טיפען תהום און טיפער זינקען קען מען שוין ניט. די געשעפטען פון לאנד מוז־זען איצט אנפאנגען קלעטערען ארויף און דער עקאנאמישער צושטאנד פון לאנד מוז אנפאנגען ווערען בעסער.

איך ווייס ניט אויב דאס איז בלויז א טרייסט־ווארט צום נייעם יאהר, אדער די אמעריקען פעדערייש און לייבאר מיינט עס טאקע ערנסט. עס איז אמת, אז אין דעם איבערזיכט ווערען אנגעוויזען מאנכע פאר־בעסערונגען אין איינינע אינדוסטריען, אבער דערביי ווערט גלייך אנגעוויזען אויף ערשיי־נונגען, וואס זיינען גאר ניט קיין גוטע סימנים, אז דער קריזיס האט שוין דערגרייכט דעם דעק פון טיפען תהום. עס ווערט נעמליך אין דעם איבערזיכט אנגעוויזען, אז פרייזען פון סחורות האלטען נאך אלץ אין פאלען און אז די אונטערנעמערס זוכען נאך אלץ צו שניידען די וויידזשעס פון זייערע ארביי־טער. און דערביי באקלאגט זיך דער אי־בערזיכט, וואס די באנקירען זיינען נאך אלץ צוריקגעהאלטען מיט קרעדיטען פאר גע־שעפטליכע אונטערנעמונגען. זיי לייגען נאך אלץ אריין זייער געלד אין רעגירונג ווערט־פאפירען, איידער אין אינדוסטריעלע און גע־שעפטליכע אונטערנעמונגען. ווען די באנ־קירען וואלטען אריינלייגען געלד אין בוי־אונטערנעמונגען, אין אויסבעסערען די אייז־זענבאהנען, אין פאבריצירען נייע מאשינען וואלטען הונדערטע טויזענדע ארבייטסלאזע קריגען ארבייט און עס וואלט זיך אנפאנגען אן אויפלעבונג אין לאנד. עס קען אבער ניט זיין קיין אנפאנג פון בעסערע צייטען ווי לאנג די גרויסע ארמיי פון ארבייטסלאזע ווערט ניט באזארגט מיט ארבייט.

GERECHTIGKEIT

A Labor Journal

Published every month by the International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City., N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XV. No. 1. January, 1933

Entered as Second Class matter, August 7, 1928 at Post O—ce at Jersey City, N. J., under the Act of August 24, 1912. Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919.

די גרויסע פראגע איז איצט, באמערקט דער איבערזיכט, ווי אזוי אומצוקערען די עלף מיליאן ארבייטסלאזע צו דער ארבייט און ביסלעכווייז אויפהויבען די סטאנדארדס פון לעבען, כדי דאס פאלק זאל קענען קויפען וואס די אינדוסטריע פראדוצירט. ווען אט די פראגע וועט זיין געלעזט, וועט דעמאלט דער קריזיס זיין פאריבער.

אט די פאר קורצע באמערקונגען מאכען קאליע דעם גאנצען אפטימיזם. עס וואלט טאקע געווען גוט, ווען די באנקירען וואלטען געטאן וואס מען פארלאנגט פון זיי און עס וואלט טאקע שוין געווען א סוף פון קריזיס, ווען די ארבייטסלאזע קריגען אר־בייט, אבער די באנקירען טוען ניט, וואס מען פארלאנגט פון זיי און די מיליאנען אר־בייטסלאזע גייען נאך אלץ ארום אהן אר־בייט. מען קען דעריבער גאר ניט זיין זי־כער, אז דער קריזיס האט שוין דערגרייכט דעם דעק פון תהום. עס קען זיין, אז מען האלט נאך אלץ אין זינקען און עס זעהט זיך נאך אלץ ניט דער דעק. נאר צו וואס נאך שווערער מאכען דאס הארץ? איז עס דען ניט שווער גענוג?

⁂

די ארבייטסלאזיגקייט אין דער קלאוק און אין דער דרעס אינדוסטריע קען ניט ער־קלערט ווערען דורך דער ערפינדונג פון נייע מאשינען. עס זיינען ניט ערפונדען געווארען קיין נייע מאשינען צו מאכען קלאוקס און דרעסעס. אפילו די פרעס־מאשין איז אויך ניט קיין נייע ערפינדונג. נאר עס וואלט זיין א באליידיגונג פאר די קלאוק מאכער און פאר די דרעס מאכער, ווען מען זאל זא־גען, אז דאס וואס זיי געהען ארום ליידיג האט גאר ניט קיין שייכות מיט דער טעכנא־נאלאגישער ארבייטסלאזיגקייט, ווי די וויסענ־שאפטסלייט האבען עס א נאמען געגעבען די איצטיגע לעדיג־געהעריי פון די ארבייטער. אויך אין דער ארבייטסלאזיגקייט פון די קלאוק מאכער און די דרעס מאכער איז שול־דיג די אנטוויקלונג פון דער מאשין. און אויב ניט די נעה־מאשין, טא איז די טראק־מאשין. אט די גרויסע אומגעלומפערטע מא־שין, וואס פיהרט ארויס די באנדלעך פון דער שטאדט אין אלע שווארץ יאהרען.

אמאל, איידער דער גרויסער אויטאמאביל טראק איז געשאפען געווארען, פלעגט דאס פיהרען באנדלאך פון שטאדט אין די ארו־מיגע פארווארפענע שטעדטלאך זיין פארבונ־דען מיט א סך אונבאקוועמליכקייטען און אפט מיט גרויסע קאסטען. פאר א סך מאנו־פעקטשורערס האט זיך די גאנצע אונטער־נעמונג ניט געלוינט. איצט אבער, ווען עס האט זיך אזוי אנטוויקעלט דער גרויסער אוי־טאמאביל טראק, וואס פארט צו צו דער טיר פון מאנופעקטשורער אדער דזשאבער און נעמט די באנדלעך און פירט זיי אוועק ער־געץ אין א שטעדטעל פון קאנעטיקוט און נאכדעם ברייננגט ער זיי צוריק פארטיגע אויפ־גענעהטע ווידער אמאל צו דער טיר פון מא־נופעקטשורער, זיינען אין גאנצען פארשוואונ־דען געווארען די פריהערדיגע טראנספארט אונבאקוועמליכקייטען און עס איז פאר די מאנופעקטשורערס א פרייע וועלט.

וואס קען מען טאן אט געגען דער גרוי־סער אומגעלומפערטער מאשין, וואס נעמט אוועק די באנדלאך פון די קלאוק מאכער און פון די דרעס מאכער? נו, מען קען זידלען די יוניאן, מען קען זאגען, אז אין אלץ איז זי שולדיג, אפילו אין דעם, וואס די אויטאמאביל טראקס זיינען אזעלכע גרויסע און קענען אזוי גיך לויפען, אבער דאס וועט גאר ניט העלפען. זאלען זיך די קלאוק מאכער ארגאניזירען צו היטען די גרויסע אויטאמא־ביל טראקס צו וועלכע מאנופעקטשורערס זיי קומען נעמען די באנדעלס און וואו זיי פיהר־

האבען זיי ניט געוואוסט, ווי אט דער קאפלאן האט געבושעוועט און טעראריזירט די גאנצע מעמבערשיפ, און איהר צו אלע צייטען אויסגענוצט פאר זיינע פערזענליכע צוועקען? דאס קאן דאך ניט זיין. די פראטעסטירענדע מעמבערס האבען דאך צורשט זיך געווענדעט צו זייער אינטערנעשאנאל, ווארום־זשע האבען זיי ניט געמאכט די נויטיגע אויספארשונג, ווארום האבען זיי גאר דערלאזען, אז עס זאל מוזען קומען צו א קאורט, ווארום האבען זיי איהם גלייך ניט משלח געווען?

דאס איז שוין עטוואס מעהר ווי קאפלאן, אפילו מעהר ווי דער גאנצער לאקאל, וועלכער איז אויס מורא געבליבען טויב און שטום, דא האבען מיר א פאל וואו די גאנצע אינטערנעשאנאל אין דער געשטאלט פון איהרע העכסטע באאמטע איז, ווי עס זעהט אויס, אליין גאר שטארק אנגעשטעקט פון דעם נידערטרעכטיגען קאפלאן־גייסט, וועלכער באטראכט די גאנצע יוניאן פאר א רעקעט פאר זיינע אייגענע אינטערעסען.

איך ווייס ניט, אפשר אימיצער אנדערש קען אט דעם פאל אנדערש אויסטייטשען; איך אבער קאן ניט זעהן, ווי דאס קאן אנדערש אויסגעטייטשט ווערען, אזוי, אז מען זאל קאנען געפינען דעם מינדסטען זכות.

אבער אויך דא קאן מען ניט און טאר מען ניט, ווי מיר דאכט זיך, אפשטעלען, און מען מוז מאכען דעם לאגישען ווייטערען שריט. די דאזיגע אינטערנעשאנאל איז אנגעשלאסען אן דער אמעריקען פעדערייטאן אוו לייבאר. דענקט איהר ניט, אז זי האט מיט אזעם פאל באדארפט זיך שטארק פאראינטערעסירען? אמת, די אמעריקען פעדערייטאן אוו לייבאר איז, ווי גאמפערס האט זיך אמאל אויסגעדריקט, א שטריק פון זאמד, און יעדע אינטערנעשאנאל איז גאראנטירט אין איהר אויטאנאמיע, אין איהר אונאפהענגיגקייט, וואס אנבאלאנגט איהרע ביזנעס? אויך איך האלט שטארק פון אונאפהענגיגקייט, אבער מיר דאכט זיך אז אלץ מוז האבען א גרענעץ. קאן דען און וועט דען די אמעריקען פעדערייטאן אוו לייבאר האבען אלס איהרען א מעמבער א יוניאן פון פשוט'ע גנבים אדער גענגסטער, אפילו ווען זיי זאלען זיך פארשטעלען אלס ארבייטער? טו ווי קאן די אמעריקען פעדערייטאן אוו לייבאר דולדען אזעלכע אינטערנעשאנאלס ווי די פון דער מאווינג פיקטשור ביזנעס? איז שוין דאס אליין, וואס אזא נפש ווי קאפלאן ערלויבט זיך צו נעמען 20 טויזענד דאלאר יעהרליכען געהאלט ניט דער שענדליכסטער סקאנדאל, שוין אפגעזעהן פון אלע אנדערע נידערטרעכטיגקייטען, ווי ער האט זיין יוניאן אויסגענוצט פאר זיינע פערזענליכע אינטערעסען אין זיינע פארהאנדלונגען מיט די באסעס?

איז עס דען א וואונדער, דאס אונטער אזעלכע אומשטענדען גרינדען זיך אפאזישאן־יוניאנס, איינזעהענדיג, אז פון אט דער יוניאן קענען זיי, די ארבייטער, קיינמאל קיין הילף ניט ערווארטען? און איז עס דען א וואונדער, דאס די באסעס באנוצען זיך, ווי אם בעסטען עס איז פאר זיי, מיט דער דאזיגער געלעגענהייט, ביז עס וועט מוזען קומען דערצו, אז די ארבייטער אין דער אינדוסטריע, וועלכע האבען ביז ניט לאנג צוריק געמאכט א גאנץ אנשטענדיגען לעבען, זאלען אין גאנצען פארלירען זייער יוניאן, וועלכע איז געווען אין קאמף מיט זייערע באסעס זייער איינציגע הילף און זיך מוזען צופרידען שטעלען מיט דעם לוין וואס זייערע באסעס וועלען זיין אזוי גנעדיג זיי צוצוווארפען?

דא האט איהר א פאל, וואו די קארופטע פיהרער פון דער יוניאן האבען מיט זייערע העסליכע מעשים אליין פארניכטעט א גאנץ געזונטע קערפערשאפט פון ארבייטער. קאן די אמעריקען פעדערייטאן אוו לייבאר בלייבען גלייכגילטיג צו דעם?

און אט האט איהר א צווייטען פאל, וועלכער איז די טעג פארהאנדעלט געווארען אין די קאורטס. דער פאל איז ניט געקומען אין קאורט דורך דער יוניאן אדער דורך אייניגע מעמבערס איהרע, נאר דורך דעם, וואס דער יוניאן־פיהרער אונזערער האט פארלייקענט זיין ריכטיגע איינקונפט און האט דער רעגירונג ניט אפגעשטעקט דעם ריכטיגען טייל פון זיינע גנבות, אין דער געשטאלט פון טעקסעס. איהר האט דא ווידער אזא פאל, ווי עס איז פארגעקומען מיט דעם גענגסטער־צאר, קאפאני. די רעגירונג האט איהם ניט געקאנט כאפען ביי דער האנד מיט זיינע רויבערייען און מארדען, האט זי איהם געכאפט אלס איינעם, וועלכער האט ניט באצאהלט דער רעגירונג די נויטיגע טעקסעס, לויט זיין איינקונפט, אבער דאס מאל האנדעלט זיך ניט וועגען א קפאאני, נאר וועגען א געוויסען קאמערפארד, א גרויסען פיהרער אין דער ארבייטער־באוועגונג.

אט נאט אייך זיין יחוס־בריף:

פעטריק דזשיי. קאמערפארד איז ניט אבי ווער: ערשטענס איז ער א וויס־פרעזידענט פון דער **ניו יארק סטייט פעדערייטאן אוו לייבאר**. צווייטענס, א וויס־פרעזידענט פון דעם בילדינג טריידס קאונסיל, און נאטירליך אויך דער סאמע קאפ פון זיין לאקאל. יא, זאל נאך צו דעם צוגעגעבען ווערען, דאס ער איז א פראמינענטער פיהרער און טוער אין דער טאמאני־חברה. שוין איבער 25 יאהר, ווי ער איז אן ארבייטער־פיהרער, און כאטש דער געהאלט וואס ער קריגט פון זיין לאקאל **איז ניט קיין זעהר גרויסער**, אין גאנצען 200 דאלאר די וואך, אויסער נאטירליך עקספענסעס 75 דאלאר די וואך, אן אויטאמאביל, א שאופער, דאך לויט די רעגירונג האט אויסגעפונען האט ער זייטיגע פארדינסטען, א וועלכע עס איז נאך צעהן טויזענד דאלאר א יאהר.

זיינט איהר דאך אודאי משיקאווע צו וויסען, וועלכע זיינען עס די זייטיגע פארדינסטען, איז אט נאט אייך בלויז א קליינעם פראצענט פון זיי:

צוויי לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל האד קעריערס יוניאן האבען די אמביציע צו ווערען מעמבערס פון דעם בילדינג טריידס קאונסיל. מאכען זיי אן אפליקיישאן. געהען אבער אוועק וואכען און זיי הערען נארניט. וואונדערען זיי זיך, און זיי ווענדען זיך צו א געוויסען ביזנעס־איידזשענט. גיט ער זיי א טיפ, אז דאס וועט זיי דארפען קאסטען יעדען לאקאל צו 500 דאלאר. און טאקע אזוי שנעל, ווי זיי טראגען צו די 500 דאלארדיגע צום ביזנעס איידזשענט, וועלכער גיט זיי איבער צו אונזער העד קאמערפארד, ווערען זיי גלייך מעמבערס. און אזוי איז עס אימער מיט די לאקאלס, וועלכע ווילען האבען די זכיה צו געהערען צום בילדינג טריידס קאונסיל.

דאס איז איין זייטיגע ביזנעס פון הער־קאמערפארד, אבער ער האט פילע אנדערע אזעלכע זייטיגע הכנסות. אט איז, למשל, א פירמע, וועלכע וויל, אז איהרע ארבייטער, וואס ארבייטען שבת נאכמיטאג, זאל זי זיי ניט דארפען צאהלען אווערטיים, איז צו וועמען ווענדט זיך די פירמע? צום גוטהארציגען קאמערפארד. ער קריגט פאר זיין ארבייט 5,000 דאלאר און די ארבייטער קריגען באצאהלט פאר די שבת־ארבייט פונקט ווי פאר יעדען טאג אין וואך: סינגעל־פעי.

און אט איז נאך א קליינע הכנסה פאר מר. קאמערפארד: די ארבייטער ארבייטען, און זיינען צופרידען, פאר א געוויסער גרינמאל קאנסטראקשאן קאמפאני. אין מיטען דערינען ווערען זיי גערופען צו סטרייקען. האבען זיי דען א ברירה? אז מען רופט, מוז מען געהן. פארלאנגט קאמערפארד צעהן טויזענד דאלאר, אויב די קאמפאני וויל די ארבייטער צוריק צו דער ארבייט. דינגט מען זיך, ביז קאמערפארד ווערט מרוצה צו קריגען פאר דעם דזשאב 2,500 דאלאר. ביליג!

און אט האט איהר נאך אזא שעהנעם פאל פון עהרליכער הכנסה. פאראן א יונייטעד האיסטינג קאמפאני, קריגט פון איהר הער קאמערפארד א וועכענטליכען געהאלט פון 75 דאלאר די וואך. טאר ער ניט?

דא וויל איך איבערגעבען ווארט אין ווארט וואס מר. ווהיים, דער פרעזידענט פון דער קאמפאני, האט דערצעהלט אין קאורט. ער האט געזאגט, אז ער קאן שוין מר. קאמערפארד'ן פאר די לעצטע 15 יאהר אלס א יוניאן־באאמטען, איז פאר דער ערשטער צייט פלעגט קאמערפארד קריגען 25 דאלאר די וואך, און דאן אז די ווהייט האיסטינג קאמפאני איז פארוואנדעלט געווארען אין די יונייטעד האיסטינג קא. האט ער אנגעהויבען קריגען 75 דאלאר די וואך.

פרעגט מר. מעדאליע, דער אנקלעגער ביים עדות, מר. ווהיים:

— האט ער געהאט עפעס א דזשאב אין אייער קאמפאני?

ענטפערט מר. ווהיים:

— **אויף דער פראגע איז שווער צו ענטפערען, אבער פון צייט צו צייט פלעגען פארקומען ארבייטער־שווערינקייטען, און ווען דאס פלעגט פארקומען, פלעגט שוין קאמערפארד זעהן אז עס זאל זיין ווידער אלרייט. אזעלכע פעלע פלעגען טרעפען אמאל זעקס א יאהר.**

יא, קאמערפארד האט כשר פארדינט זיין פעי פון 75 דאלאר וועכענטליך פון דער יונייטעד האיסטינג קאמפאני, פונקט ווי ער האט כשר פארדינט ביי זיין לאקאל 125 פון די אפערייטינג און האיסטינג אינזשינירס.

אין קאורט האט מר. מעדאליע פארגעבראכט נאך אייניגע אזעלכע פארדינסטלאך. אבער דאס איז שוין פאר אונז ניט פון גרויסער וויכטיגקייט. מיר מאנען דאך ניט פון איהם קיין טעקסעס. פאר אונז זיינען אט די פאר פארדינסטלאך, וועלכע זיינען אנגעגעבען געווארען און וועלכע הער קאמערפארד האט אליין געמוזט צוגעבען, נאר האט זיי אנגערופען מיט דעם נאמען „מתנות" א גענוג קלארער באווייז, אז אט דער קאמערפארד איז פראקטיש דער באס פון דעם גאנצען בילדינג טריידס קאונסיל, כאטש עס איז ניט אויסגעשלאסען דער פאל, אז ער האט און מוז האבען אויך וועלכע עס איז פארטנערס צו זיין געשעפט, אז ער איז איינער פון די וויס־פרעזידענטען פון דער ניו יארק סטייט פעדערייטאן, אז ער איז אן אנגעזעהענער מעמבער ניט נאר פון טעמעני, נאר אויך מסתמא א וויכטיגער אנגעזעהענער טוער אין דער אמעריקען פעדערייטאן אוו לייבאר, און דאס זיין קאריערע, אלס ארבייטער־פיהרער, איז שוין באלד א פערטעל יאהרהונדערט, און דאס ווען ער צאהלט ריכטיג זיינע טעקסעס צו דער רעגירונג, וואלט ער נאך אלץ באטראכט געווארען פון גאט און לייט אלס א חשוב'ער ארבייטער־פיהרער מיט א גלענצענדער פארגאנגענהייט.

דאס זיינען די פאר פאקטען פון דער לעצטער צייט אין אונזער ארבייטער־באוועגונג, און איך מוז עס איבערלאזען צו די לעזער אליין צו ענטפערען אויף די פראגע: פויל אדער בלויז צוגעפוילט?

פויל אָדער צוגעפוילט?

פון ש. יאַנאָווסקי.

לאָמיר איך גלייך אַנטפּלעקן דעם סוד,
אַז דער נאָמען, וואָס איך גיב דעם איצטיגען
אַרטיקעל, שטאַמט ניט פון מיין קאָפּ. דאָס
איז דער נאָמען, וואָס דער פאַרשטאָרבענער
מ. ווינטשעווסקי האָט מיט יאָהרען און יאָה-
רען צוריק געגעבען אַ געוויסען אַרטיקעל זיי-
נעם, אין וועלכען ער האָט שטאַרק קריטיקירט
די דאַמאָלסטדיגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג,
און וועלכער האָט אַרויסגערופען אַ היבשען
שטורם אין די גענאָסענשאַפטליכע קרייזען.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ אָפּצושאַצען, אויף
וויפיל די דאַמאָלסטדיגע קריטיק פון מ. ווינ-
טשעווסקי איז געווען גערעכט אָדער נאָר טייל-
ווייז גערעכט, אָדער גאָר אין גאַנצען אומגע-
רעכט. די מיינונגען איבער דעם זיינען דאַן
געווען שטאַרק צוטיילט, און וואַרשיינליך זיי-
נען זיי עס נאָך איצט. אָבער, אויב דער
נאָמען האָט זיך יאָ אָדער ניט צוגעפּאַסט צו
דער דאַמאָלסטדיגער סאָציאַליסטישער באַווע-
גונג אין אַמעריקאַ, מיין איך אָבער, אַז די
פראַגע: „פויל אָדער צוגעפוילט" פּאַסט זיך
זעהר שטאַרק צו דעם צושטאַנד אין אונזער
איצטיגער אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ.

איך בין מיר משער, אַז גאָר מאַנכער
וועט דענקען, אַז איצט איז גראָד ניט דער
ריכטיגער מאָמענט פאַר אָט דער פראַגע. אָנ-
צוריהרען די אייטערדיגע וואונד אין דער
אַרבייטער באַוועגונג, ווען זי איז אַזוי שוואַך,
אַז קוים וואָס זי זשיפּעט איז פּשוט געפעהר-
ליך. דאָס קען נאָך איהר מעהר צוטרייסלען.

אָבער איך בין גראָד פון אַ פאַרקערטער
מיינונג. איצט גראָד וואָלט עס געווען, מילד
גערעדט, זעהר נאַריש אָנצונעמען אַ פולען
מויל מיט וואַסער און שווייגען. צו מאַכען
זיך איצט ניט וויסענדיג, ווען די גאַנצע וועלט
זעהט, ווי די אַרבייטער-באַוועגונג ווערט אויפ-
געפרעסען פון אַלערליי ווערים, מיינט ניט צו
זיין אַ פריינד פון דער אַרבייטער-באַוועגונג,
נאָר איהר ביטערסטער שונא.

יאָ, עס איז אמת, אַז די אַרבייטער-באַ-
וועגונג איז איצט אין אַ זעהר אָפּגעשוואַכטען
און כמעט אין אַ פאַר'חלש'טען צושטאַנד.
זי איז כמעט ווי הילפלאָז געגען די אַלע
קלעפּ, וועלכע שיטען זיך אויף איהר פון דער
זייט פון קאַפּיטאַל, אָבער עס איז פאַר מיר
קלאָר, אַז איינע פון די גרויסע און טיפע אור-
זאַכען פון איהר שוואַכקייט און הילפלאָזיג-
קייט איז טאַקע אָט דער קענסער, וועלכער
פרעסט איהר איינגעווייד. און איך דענק, אַז
איצט איז דער מאָמענט צו ריידען וועגען
דעם וואָס אָפענער און אויך שטאַרק זיך פאַר-
טראַכטען ווי אַזוי באַפרייט מען די אַרבייטער-
באַוועגונג פון איהרע סאַמע געפעהרליכע
שונאים, וועלכע זיינען געפעהרליך, ווייל זיי
זיינען איהרע אינערליכע שונאים.

אין דער לעצטער צייט איז זעהר פיל
גערעדט געוואָרען וועגען אַלערליי גענגסטערס,
וועלכע האָבען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן
זיך אַריינגעריסען אין אונזערע יוניאָנס, און
זיי פאַרוואַנדעלט אין איינפאַכע ראַקעטס. דער
פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן
אָוו לייבאָר, מר. גרין, און אַנדערע פיהרער
פון דער אַרבייטער-באַוועגונג זיינען אַרויס-
געקומען מיט אַ געוואַלד, אַז די אַרבייטער-
באַוועגונג מוז זיך באַפרייען פון אָט די גענג-
סטער.

אַ זעהר וויכטיגע אויפגאַבע, און וועל-
כע מיט אַביסעל ענערגיע קאָן און וועט לייכט
אויסגעפיהרט ווערען, ווייל נאָך אַלעמען זיינען
דאָך אָט די גענגסטער אַזעלכע נפשות, וועל-
כע האָבען ניט און קענען ניט האָבען די מינד-
סטע מגע ומשא מיט דער אַרבייטער באַווע-
גונג. זיי קענען און וועלען אַרויסגעטריבען
ווערען, אָבער, ליידער, ליידער איז דאָס ניט די
איינציגע און ניט די גרעסטע מכה, פון וועל-
כער די אַרבייטער-באַוועגונג ליידט. ווי עס
ווייזט זיך אַרוים אין גאָר פילע פעלע, זיינען
די גאָר פילע אָפיציעלע פיהרער אין דער
אַרבייטער באַוועגונג די ערגסטע גענגסטער און
ראַקעטירס, וועלכע מאַכען סיי זייערע איי-
גענע יוניאָנס און סיי די גאַנצע אַרבייטער-
באַוועגונג צו שאַנד און צו שפּאָט. און דאָך,
וואָס אַנבאַטרעפט דעם סאָרט שלאַנגען, האָט
די אַרבייטער באַוועגונג גאָר ווייניג וואָס צו
זאָגען וועגען זיי. ערשט אין די קאַפּיטאַליס-
טישע קאָרטס ווערט אַרויסגעבראַכט די גאַנ-
צע שרעקליכע דעמאָראַליזאַציע, וואָס די דאָ-
זיגע אַרבייטער-צאַרען ברענגען אַריין אין
זייערע יוניאָנס און אין די גאַנצע אַרביי-
טער באַוועגונג.

מיט איינינע יאָהר צוריק איז אַזאַ סאָרט
פיהרער מיט אַלע זיינע שענדליכע מעשים אין
זיין יוניאָן באַקאַנט געוואָרען פאַר דער בריי-
טער וועלט דורך די קאָורטס. מיר ריידען דאָ
וועגען דעם נאָטאָרישען ברינדעל. מיט איי-
ניגע יאָהר פאַר דעם איז עס געווען אַ גע-
וויסער סעם פּאַרקס, וועלכער האָט זיך אויך
דורך די קאָורטס אַרויסגעוויזען צו זיין דער
ערגסטער קאָרופּציאָניסט אין דער אַרבייטער-
באַוועגונג. פונדעסטוועגען, כאָטש די אמת'ע
פריינד האָט עס שרעקליך געערגערט, אָבער
מען האָט זיך געטרייסט דערמיט, דאָס נאָך
אַלעמען זיינען עס דאָך בלויז איינצעלנע ער-
שיינונגען, און מען טאָר צוליב זיי ניט פאַר-
משפּט'ן די גאַנצע באַוועגונג. איז דען דאָ
עטוואָס אין דער וועלט, וואָס זאָל זיין אַזוי
פּאָלקאָם עהרליך און ריין? אין אַזאַ גרוי-
סער באַוועגונג, ווי עס איז די אַרבייטער-
באַוועגונג קענען אויך זיך ווידמענען איינינע
שרצים...

אמת, עס איז ניט געווען דאָס אַליין, וואָס
מען האָט געפונען אין דער אַרבייטער באַווע-
גונג אַזעלכע פאַרשוינען ווי ברינדעל אָדער
סעם פּאַרקס, וואָס האָט גאָר פילע פאַרשאַפט
גרויס ערגערניש און פאַרדראָס, נאָר וואָס די
אַרבייטער, די מעמבערס פון די יוניאָנס גופא,
האָבען ניט נאָר געזעהן עטוואָס בייזעס אין זיי-
ערע פיהרער, נאָר האָבען זיי נאָך אַלץ באַ-
טראַכט אַלס זייערע וואוילטעטער און זייערע
בעסטע פריינד, אַמאָל זאָגאַר אַלס העלדען,
און דאָס איז שוין געווען עטוואָס פיל ערנסטע-
רעס, ווי דאָס, וואָס די פּאָר מענשען האָבען
זיך אַרויסגעוויזען אַלס העסליכע, פאַרקויפטע
נשמות. דאַן איז ווידער געקומען דער
תירוץ, אַז דאָס זיינען נאָר אַ פּאָר אויסנאַמען,
און אַז די דאָזיגע מעמבערס האָט ניט געאַרט,
וואָס זייערע פיהרער טוען אום אָנצושטאָפּען
זייערע קעשענעס, אַבי זיי טוען אין דער זעל-
בער צייט אַלץ, וואָס איז גוט פאַר די אַרביי-
טער, אַז זיי זאָלען וואָס ווייניגער באַראַבאַ-
ווען ווערען פון זייערע באַסעס. אַ שלעכטער,
אַ פוילער תירוץ, אָבער נעמענדיג אין אַנבאַ-
טראַכט די אַרבייטער, פון וועמען די ברינדעלס
און די פּאַרקסעס זיינען עס געווען די פאַר-
שטעהער, און סיי די באַסעס, מיט וועמען זיי
האָבען עס געהאַט צו פיהרען זייערע פאַר-
האַנדלונגען, האָט מען געמוזט זיך צופרידען
שטעלען מיט דער ערקלערונג, און מען האָט
זיך געטרייסט, אַז וואָס ווייטער, וועט די באַ-
וועגונג אַלץ מעהר און מעהר אויסגעלייטערט
ווערען, און עס וועט ניט זיין מעהר קיין פּלאַץ
פאַר די ברינדעלס און די פּאַרקסעס.

ליידער, ליידער אָבער איז די האָפנונג
ניט נאָר ניט מקוים געוואָרען, נאָר, ווי עס
ווייזט אויס, האַלטען זיך די ברינדעלס און
די פּאַרקסעס אין איין פאַרמעהרען, און, ניט
ווילענדיג מוז יעדער, וועלכער איז פאַראינטע-
רעסירט אין דער אַרבייטער באַוועגונג ניט
צוליב אייגענע פּניות און ניט צוליב אייגענע
פּערזענליכע אינטערעסען, נאָר טאַקע צוליב
דער באַוועגונג גופא און צוליב אַלע גרויסע
האָפנונגען, וואָס ער האָט געלייגט און לייגט
נאָך איצט אויף איהר, זיך שטעלען די האַרבע
פראַגע: „פויל אָדער בלויז צוגעפוילט?"

אין דער לעצטער צייט האָבען מיר ווי-
דער געהאַט צוויי אַזעלכע פעלע, פון וועלכע
עס איז קלאָר, אַז ניט נאָר ווערט עס בעסער,
ווי מען האָט געהאָפט, נאָר עס ווערט אַלץ
ערגער און ערגער.

איין פאַל איז דער קאַפּלאַן-פאַל, וועל-
כער איז געווען דער אמת'ער צאַר אין דער
יוניאָן, האָט זיך געלאָזט באַצאָהלען פאַר
זיין אַרבעט די גאַנץ קליינע סומע פון צוואַנ-
ציג טויזענד דאָלאַר יעהרליך, אַ חוץ דעם,
וואָס ער איז געווען אַן אייגענטימער פון אַן
אייגענע ביזנעס, און געזעהן, אַז די בעלי-
בתים פון די מואַווינג-פּיקטשור הייזער זאָ-
לען קויפען פון איהם זיין סחורה, מיט וועל-
כע ער האָט געהאַנדעלט, און אַ חוץ דעם
געמאַכט גאַנץ טונקעלע ביזנעס.

דאָס גוטע אין דעם פאַל איז כאָטש דאָס,
וואָס איינינע מעמבערס פון זיין יוניאָן האָ-
בען געהאַט דעם מוטה אויפצוהויבען אַ
קאַמף געגען אָט דעם פיהרער, און ווען זיי
האָבען געזעהן, דאָס זיי קענען גאָרניט אויס-
פיהרען געגען איהם אין דער יוניאָן, האָבען
זיי זיך געווענדעט צום קאָורט, און אַזוי קלאָר
געמאַכט די פאַרברעכענס פון אָט דעם פיה-
רער, דאָס די אינטערנעשאָנעל פון אָט דער
יוניאָן, וועלכע האָט ביז דאַן געהאַלטען זעהר
שטאַרק מיט דעם חברה-מאַן, האָט זיך ענד-
ליך געפיהלט געצוואונגען איהם אַראָפּצו-
זעצען פון זיין אמט.

אין דעם פאַל איז שוין ניט וויכטיג קאַפּ-
לאַן און זיין גאַנצע נידערטרעכטיגע האַנד-
לונג אַלס יוניאָן-בעאַמטער, נאָר עס איז וויכ-
טיג, וואָס די אינטערנעשאָנעל פון יענער
יוניאָן האָט, ביז עס איז ניט פאַרגעקומען דער
פאַל אין קאָורט, זיך געמאַכט גאָרניט וויסענ-
דיג, מעהר נאָך, זי האָט זיך געשטעלט אויף
דער זייט פון קאַפּלאַנ'ען געגען זיינע אָנ-
קלעגער. ערשט, ווען דער גאַנצער געמיינער
פאַרראַט פון קאַפּלאַנ'ען געגען זיין יוניאָן איז
אַריינגעדרונגען דורך דעם קאָורט-פּראָצעס אין
דער עפענטליכקייט, ערשט דאַן האָבען די
העכסטע בעאַמטע פון דער קערפּערשאַפט באַ-
שלאָסען אַראָפּצוזעצען קאַפּלאַנ'ען פון זיין
אמט, און אויף דעם גרונד, דאָס קאַפּלאַן,
אַליין אַ באַס, טאָר ניט זיין קיין פאַרשטעהער
אין דער יוניאָן...

עס שטעלט זיך די פראַגע: האָבען עס
די העכסטע בעאַמטע פון אָט יענער אינטער-
נעשאָנעל זיך אָט ערשט דערוואוסט, אַז קאַפּ-
לאַן איז אַליין אַ באַס? און נאָך אַ פראַגע:

אוועק. ווען עס וואלט געווען איצט די אלט־מאדישע ארבייטסלאזינקייט, וואלט מען זיך גאנץ ליכט געטרייסט, אז באלד וועט די פראספעריטי צוריקקומען. די איצטיגע ארבייטסלאזינקייט איז אבער א גאנץ נייע. עס איז די נייע ענטוויקלונג פון דער מאשין, די נייע מעטאדען פון ארבייט, וועלכע האבען געמאכט א גאנצע רעוואלוציע אין דער אינדוסטריע. עס איז אן ארבייטסלאזינקייט מיט א נייעם נאמען. מען רופט עס טעכנאלאגישע ארבייטסלאזינקייט און קיינער ווייס ניט, ווי אזוי מען ווערט פון איהר פטור. אין געגענטייל. אויב די מאשין זאל זיך אזוי ווייטער ענטוויקלען, וועט די ארבייטסלאזינקייט ווערען נאך גרעסער. און שטעהט דזשיימס א„קאנעל, דער פרעזידענט פון מעטאל־טריידס דעפארטמענט, איינער פון די זיילען פון דער אמעריקאנער טרייד יוניאן־באוועגונג, א צוטומעלטער און פרעגט: וואס וועט זיין דער סוף? עס דערנעהנטערט זיך די צייט, ווען אן ארבייטער וועט בלויז דארפען א דריק טאן אן עלעקטרישען קנעפעל און דאס וועט זיין א טאג ארבייט. אבער א„קאנעל פארשטעהט, אז פאר אזא טאג ארבייט וועלען באסעס ניט וועלען צאהלען קיין טאג וויידזשעס. איז וואס טוט מען?

און דער אלטער פיורעסעטה, פון דער סימענס יוניאן, ביי וועמען עס פלאנטערט זיך אין מח אפגעריסענע שטיקלאך פון אנארכיסטישע פילאזאפיעס, שאקלט מיט זיין גרויען קאפ און פרעגט: וואס וועט זיין מיט דער מענשליכער ציוויליזאציע? אין דער גאנצער וועלט־געשיכטע האט דער מענש כסדר ענטוויקעלט די קונסט פון ארבייט. דער מענשליכער מארך איז געשטיצט געווארען פון דער מענשליכער האנד און די מענשליכע האנד איז שטענדיג געשטיצט געווארען פון דעם מענשליכען מארך, און אזוי האט דער מענש געשאפען א גרויסע ציוויליזאציע. אבער מיט דער ענטוויקלונג פון דער מאשין, דארף מען מעהר ניט די מענשליכע ארבייטס־קונסט. און ווען עס זאל פארשווינדען די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ארבייטס־קונסט, מיינט עס, אז עס מוז פארשווינדען די מענשליכע ציוויליזאציע. און דער אלטער פרעגט ווייטער און ווייטער, אבער קיין ענטפער האט ער נים.

עפעס נייעס איז פארגעקומען. עטוואס וואס די קלוגע, אלץ־וויסענדע זקנים האבען נאך ניט אויספראבירט און זיי פיהלען זיך ווי פארלארענע. זיי זוכען א וועג און זיי טאפען מיט די פינגער און איך בין זיכער, אז מאנכע פון זיי וועלען ענדליך דאך אנטאפען דעם סאציאליסטישען וועג. איז דאך דער סאציאליסטישער וועג אזא גראדער און אזא לאנישער. וואס טוט מען מיט דער מאשין? — גאנץ איינפאך: זי דארף באלאנגען צו די, וואס ארבייטען מיט איהר. א קורצער ענטפער, וואס פארענטפערט אלע פראגען, אפילו פיורעסעטה'ס מורא פאר דעם אונטערגאנג פון דער מענשליכער ציוויליזאציע.

ווען דער מענש וועט הערשען איבער דער מאשין און ניט די מאשין איבער'ן מענשען, וועט דער מענש האבען גענוג צייט און גענוג געלעגענהייט צו ענטוויקלען די ארבייטס־קונסט, ווי אין די אמאליגע צייטען. ער וועט עס טאן ניט אזוי פאר געלד, ווי פאר דעם דראנג פון מענשען צו שאפען און צו פראגרעסירען. און ווען די מאשין וועט באלאנגען צו די ארבייטער, וועט דזשיימס א'קאנעל ניט דארפען מורא האבען, אז די ארבייטער וועלען בלייבען אהן א דזשאב, ווען מען וועט בלויז דארפען א דריק טאן אן עלעקטרישען קנעפעל און די מאשין וועט טאן די גאנצע ארבייט.

יא, זיי וועלן זיך מוזען דערצו דערטראכטען.

איך זעה, אז פון באסטאן ביז סינסינעטי האבען די אלטע פיהרער פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר א סך געטראכט און האבען זיך צו עטוואס דערטראכט. איך בין זיכער, אז זיי וועלען ווייטער טראכטען און זיך צו מעהר דערטראכטען.

טאם מוני אפעלירט פאר הילף

טאם מוני האט היינטיגע וואך ארויסגעשיקט פאלגענדען דרינגענדען אפיל צו די ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקא:

„טייערער פריינד און ברודער!

„דער בריוו, וואס פופצען בארימטע אמעריקאנער האבען צוגעשיקט צו דעם גאווערנאר פון קאליפארניע, האט אויף א דראמאטישען אופן פארשנעלערט דעם קאמף פאר מיין באפרייאונג. אט די נייע שטיצע קומט נאך דער אומאפיציעלער פארעפענטליכונג פון דעם אונטערדריקטען וויקערשהעם באריכט וועגען מיין פראצעס, וועלכען פרעזידענט הואווער האט געהאלטען באגראבען איבער א יאר צייט אין די געוועלבען פון דעם ווהייט הויז. אט די נייע און אויפטרייסלענדע אויפדעקונג וועגען דעם „פריים־אפ" געגען מיר, — אן אויפדעקונג וואס איז געמאכט געווארען פון אן אפיציעלער רעגירונגס־קאמיטע, דארף העלפען אויפוועקען די עפנטלאכע מיינונג.

„עס מאכט גארנישט אויס וואס דער גאווערנאר פון קאליפארניע זאגט. פאקטען באווייזען, אז מיין פראצעס איז ניט געשלאסען. בלויז א קליינער טייל פון דעם דאזיגען באוויז איז געווען א דיזיגער מוני־מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דעם 6טען נאוועמבער אין דעם סיוויק אוידיטאריום אין סאן פראנציסקא, וואו 18 טויזענט קאליפארניער פון אלע טיילען פון דעם דאזיגען שטאט האבען העפטיג פראטעסטירט געגען דעם וואס איך ווער געהאלטען אין געפענגניס, און האבען זיך פארפליכטעט אנצופיהרען ווייטער דעם קאמף פאר מיין פרייהייט.

זיך שטיצענדיג אויף די פאקטען וואס ווערען ארויסגערעכענט אין דעם אויבענדערמאנטען בריוו, און וועלכע צורייסען אויף שטיקער די בייזוויליגע אנטשיידונג געגען מיין באגנאדיגונג, האב איך עפענטליך פארלאנגט א נייעם פראצעס. די טעג וועלען מיינע לאיערס נעמען די נויטיגע געזעצלאכע שריט מיך צו ברייגען צו א פראצעס אויף אן אלטער קלאגע. נאך אין אנהויב זיינען ארויסגעגעבען געווארען געגען מיר אכט אינדייטמענטס. איך בין געמשפט געווארען אויף איינער פון זיי; זעקס זיינען געגען מיין ווילען פארוואפען געווארען, און איין אינדייטמענט בלייבט, אויף מיין פארלאנג, אויפ'ן קאלענדאר פון'ם העכערען געריכט פון סאן פראנציסקא.

„ס'איז זייער וויכטיג, אז איך זאל געבראכט ווערען צו א פראצעס, כדי צו האבען א טשאנס צו באווייזען אז איך בין אומשולדיג. קיין געריכט האט קיינמאל ניט באטראכט די באווייזען, וועלכע זיינען ארויסגעקומען נאך מיין פאראורטיילונג, אז אלע עדות געגען מיר זיינען געווען געדונגען און האבען געשווארען פאלש, און אז איך בין אומשולדיג. אזוי ווי איך בין אינגאנצען אנגעוויזען אויף דער שטיצע פון מיינע פריינט, האב איך קיין מעגלאכקייט ניט אנצוגעהן מיט דעם פראצעס אן בייטראגען צו דעקען די שווערע נויטיגע אויסגאבען.

„ספעציעלע אומשטענדען אין סט. קווענטין מאכען עס מעגלאך פאר מיר זיך צו ווענדען מיט אט דעם פערזענליכען אפיל דירעקט צו אייך. איך ווענד זיך צו אייך אין אט דער דרינגענדער נויט מיינער, און איך ווייס, אז איהר, מיינע חברים־מיטגלידער אין די רייען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט וועלען מיר העלפען.

„נאך זיבעצעהן יאהר פון גייסטיגער און פיזישער מאטערניש, נאכדעם ווי איך בין געשטאנען אין דעם שאטען פון דער תליה, באוויזט זיך דורך דעם חושך פון מיין תפיסה, וואו איך בין באגראבען א לעבעדיגער, א שטראל פון ליכט, א פונק פון האפנונג. איך בעט אייך, לאזט עס ניט פארלאשען ווערען! אויב מיינע פלענער זאלען איצט דורכפאלען, קאן מען ניט וויסען ווען איך וועל האבען נאך א טשאנס ארויסצוגעהן פון דאנען א לעבעדיגער. ס'איז דא א מעגלאכקייט אין דעם איצטיגען מאמענט צו צווינגען די קאורטס און דעם גאווערנאר צו האנדלען, אויב דער אויפגעוועקטער און אגרעסיווער מאסען־דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג פאר מיין באגנאדיגונג וועט באלד אננעמען א באשטימטע פארם. דער אמת'ער קאמף דארף ערשט קומען!

„איך מאך אט דעם פארצווייפעלטען אפיל צו אייך פאר באלדיגע הילף. איך בעט אייך, פארלאזט מיך נים.

„אייער אויפריכטיגער און דאנקבארער,
טאם מוני (31921)."

בייטראגען פאר דעם מוני־באפרייאונגס־פאנד דארפען צוגעשיקט ווערען צו דער „טאם מוני מאולדערס דעפענס קאמיטע", פאסט אפיס באקס 1475, סאן פראנציסקא, קאליפארניא. די דאזיגע קאמיטע איז די איינציגע ארגאניזאציע, וואס איז אויטאריזירט צו זאמלען געלט פאר דער פארטיידיגונג פון טאם מוני.

אב. סניידער צעהן יאהר מענעדזשער פון ל. 62

לעצטען נאוועמבער איז געווארען צעהן יאהר זינט ברודער שניידער איז געווארען מענעדזשער פון דער ווהייטגודס יוניאן לאקאל 62 פון דער אינטערנעשאנאל.

ברודער סניידער איז אנגעקומען אין דער ווהייט גודס מאכערס יוניאן אין נאוועמבער 1922, נאכדעם ווי ער איז א צאהל יאהרען געווען ארגאנייזער פון דער אינטערנעשאנאל אין באלטימאר, באסטאן און סינסינעטי.

צו דער געלעגענהייט פון זיין צעהן־יאהריגען יובילעאום אלס מענעדזשער פון לאקאל 62 האט די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל איבערגעגעבען שניידער'ן א צייכען פון אנערקענונג פאר זיין געטרייער און איבערגעבענער ארבייט טראץ אלע שוועריגקייטען וואס דער לאקאל האט דורכגעמאכט דורך דער צייט.

די עקזעקוטיווע האט אויך אנגענומען די פאלגענדע רעזאלוציע:

„אין אנבאטראכט, אז אונזער מענעדזשער ברודער אייבראהאם סניידער האט געדינט אונזער יוניאן 10 יאהר צייט; אין אנבאטראכט, אז דורך דער צייט האט ער ערפילט זיינע פליכטען מיט פעהיגקייט און איבערגעבענהייט, — דריקט די עקזעקוטיוו באארד אויס איהר צוטרויען צו איהם און האפט אז ער וועט ווייטער פארזעצען זיין ארבייט פאר דעם נוצען פון די ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע".

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 62,
סעמיועל גרעקין, סעקרעטער.

געדאַנקען וועגען דער קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר

פון צ—ן

מיר פאַרדריסט, וואָס איך בין ניט געווען אויף דער קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר אין סינסינעטי. פון די באַריכטען, וואָס איך האָב וועגען איהר געלייענט, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז זי איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע קאָנווענשאַנס פון דער פעדערײשאַן.

איך בין געווען מיט צוויי יאָהר צוריק אויף דער קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר און איך קען ניט זאָגען, אַז זי האָט דעמאָלט אין מיר אַרויסגערופען באַזונדערס אָפּטימיסטישע געדאַנקען. אין נעגענטייל. זי האָט ניכער אין מיר אַרויסגערופען אַ פּעסימיסטישע שטימונג. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט דער קאָנווענשאַן אין סינסינעטי. זי האָט געוויזען לעבען, קאַמף־גייסט און האָט אויפגעוועקט האָפנונגען.

איך בין געזעסען אין באָסטאָן אין דעם קאָנווענשאַן זאַל און האָב געקוקט אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון די פאָרטרעטער פון אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטער ארבייט און די ערשטע זאַך וואָס מיר האָט זיך געוואָרפען באַזונדערס שטאַרק אין די אויגען איז געווען די גרויסע צאָהל גרויע קעפּ צווישען די דעלעגאַטען. מיר האָט דאָס בילד פון די ווייס־גרויע קעפּ אויף דער קאָנווענשאַן אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז איך האָב פּראָבירט אַ צעהל טאָן ווי גרויס עס איז דער פּראָצענט פון אַלט און יונג און דער רעזולטאַט פון מיין צעהלונג איז געווען, אַז איבער 80 פּראָצענט פון די דעלעגאַטען זיינען געווען עלטערע מענשען און קנאַפּע 20 פּראָצענט אַזעלכע וואָס מען קען אָנרופען אינגערע. קיין גאָר יונגע האָב איך ניט געזוכט. איך ווייס, אַז עס איז איצט ניט אַזוי לייכט צו ווערען אַ דעלעגאַט צו דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר קאָנווענשאַן, מען דאַרף זיין אַ לענגערע צייט טעטיג אין אַ יוניאָן און קריגען די נויטיגע אַנערקענונג. איך וועל ניט פאַרזיכערען, אַז מיין צעהלונג איז געווען אַ פּינקטליכע, אָבער עס איז אייגענטליך ניט אַזוי וויכטיג, אויב איך האָב געמאַכט אַ טעות אין אַ פּאָר פּראָצענט.

נאָר צוליב וואָס האָב איך זיך דאָ פאַרנומען מיט צעהלען די יאָהרען פון די דעלעגאַטען אויף דער קאָנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר? וועמען אינטערעסירט עס צי די האָר פון די דעלעגאַטען זיינען געווען ווייס־גרוי אָדער שוואַרץ און בלאָנד?

איך האָב מיין צעהלונג געמאַכט ניט צוליב אַ משיקאָוועס, נאָר פאַר אַ באַשטימטען צוועק. ווען איך האָב דערזעהן די גרויסע צאָהל גרויע קעפּ אויף דער קאָנווענשאַן, האָב איך ניט נאָר אַ טראַכט געטאָן ווי ווייט עלטער עס איז געוואָרען די פיהרערשאַפט פון דער פעדערײשאַן פאַר דעם אַנדערהאַלבען צעהנדליג יאָהרען, נאָר אויך אויף וויפיל זי איז קליגער געוואָרען.

אַלטע מענשען, ווי איהר ווייסט, זיינען אַלע קלוג און ווייסען אַלץ. ווענינסטענס גלויבען זיי אַזוי. איך צעהל זיך אַליין נאָך ניט צווישען די אַלטע. עס איז גענוג פאַר מיר, ווען איך שטעל זיך בלויז צווישען די עלטערע, און דאָך האָב איך שוין אָנגעפאַנגען גלויבען, אַז איך בין זעהר קלוג, ווייס אַלץ און פאַרשטעה אַלץ. דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון גרויע האָר. מענשען האָבען זיך איינגערעדט, אַז דער שכל ווערט גרעסער ווען די האָר ווערען גרויער.

די אַלטע מענשען גלויבען, אַז זיי האָבען שוין אַלץ געזעהן, אַלץ געהערט, אַלץ אויספּראָבירט און זיי ווייסען דעריבער אַלץ בעסער. זיי ווייסען בעסער ווי אויסצורעכענען, זיי ווייסען בעסער ווי אָפּצושאַצען אַ געוויסע לאַגע, זיי ווייסען ווי צו זיין פאָרזיכטיג און זיי ווייסען אַלע מאָל וואָס מען דאַרף טאָן. און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די גרויסע צאָהל גרויע קעפּ אין דעם קאָנווענשאַן־זאַל, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אַזאַ קאָנווענשאַן איז אַ צו־קלוגע, אַ צו אַלוויסענדע, אַז מען זאָל קענען אויף איהר עפּעס ענדערען און שאַפען עטוואָס נייעס.

איך האָב מיט מאַנכע דעלעגאַטען גערעדט, מיט אַנדערע פון זיי לאַנג גערעדט און איך האָב אויסגעפונען, אַז זיי ווייסען אַלץ, אַז זיי האָבען שוין אַלץ אויספּראָבירט — סינדיקאַליזם, אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם און צום לעצט אפילו אַן ארבייטער־פּאַרטיי — און זיי ווייסען שוין, אַז מען קען ניט. און מיט מענשען, וואָס האָבען אויספּראָבירט, קען מען ניט דעבאַטירען. זיי ווייסען פון זייער ערפאַהרונג, אַז מען קען ניט. מיין אַמאָליגער פריינד, קאַליאַ טעפּער, וואָס האָט גאַנץ לייכט געקענט אויפנעמען אַ נייעם געדאַנק און אַ נייע אידעע, איז אָבער געווען אייזען־פעסט און זיכער, אַז מען קען ניט אַריינציהען אַ פאָדים אין אַ נאָדעל. אין דעם האָט ער זיין מיינונג ניט געקענט ענדערען, ווייל ער האָט עס אַליין אויספּראָבירט. ער איז געזעסען אַ האַלבען טאָג אין אַ שניידער־שאָפּ און האָט אַנגעווענדעט אַלע זיינע פעהיגקייטען און זיין גאַנצען כח אַריינצוציהען אַ פאָדים אין אַ נאָדעל און עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען און ער איז געקומען צום שלום, אַז מען קען ניט.

דערצעהלט מיר איינער פון די דעלעגאַטען פון דער וועסט, ווי אַזוי ער אַליין איז געווען טעטיג אין אָרגאַניזירען אַן ארבייטער־פּאַרטיי, אָבער מען קען ניט. ער גלויבט דעריבער, אַז עס איז בעסער, אַז די ארבייטער זאָלען פאַרכאַפּען די צוויי אַלטע פּאַרטייען — די דעמאָקראַטישע און די רעפּובליקאַנישע.

וועט מען עס אָבער קענען? — ער האָט עס נאָך ניט אויספּראָבירט און ווייסט נאָך דעריבער ניט, אַז מען קען ניט.

און עס וואָלט דאָך ווירקליך זיין בעסער ווען די ארבייטער קענען פאַרכאַפּען די צוויי אַלטע פּאַרטייען, אײדער צו אָרגאַניזירען אַ נייע פּאַרטיי. מען וואָלט פאַרשפּאָרען אַ גאַנץ שווערע און אַ גאַנץ לאַנגע ארבייט. אָבער ווי אַזוי קען מען עס אויספיהרען? און ווי אַזוי וועלען די ארבייטער האַלטען די פאַרכאַפּטע פּאַרטייען? איז דען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי ניט מעהר ווי אַ צופעליגע זאַך, וואָס מען קען עס פאַרכאַפּען און האַלטען? — דאָס איז שוין אַ ביסעל צו טיף זיך אַריינטראַכטען, מען דאַרף אָבער פּראָבירען.

און אַ צווייטער דעלעגאַט, וואָס זאָגט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ סאָציאַליסט, ענטוויקעלט פאַר מיר אַ געדאַנק, אַז מען דאַרף צוברעכען אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. קען מען עס? — פאַר וואָס ניט? ער האָט עס נאָך ניט אויספּראָבירט און ער ווייסט נאָך דעריבער ניט, אַז מען קען ניט. די אַלע אַנדערע זאַכען אָבער ווייסט ער, אַז מען קען ניט. סאָציאַליזם האָט ער שוין אויספּראָבירט און ער ווייסט, אַז מען קען ניט. אַן ארבייטער־פּאַרטיי קען מען אויך ניט, ער האָט שוין אויך דאָס אויספּראָבירט.

און די ארבייטער אין די אויטאָמאָביל־פאַבריקען, פרעג איך, האָט איהר שוין פּרובירט אָרגאַניזירען? געוויס פּרובירט, אָבער ניט געקענט! — כאַפּ איך אונטער. יאָ, ביז איצט ניט געקענט, — ענטפערט ער מיר. איהר וועט אָבער פּרובירען ווייטער? — געוויס וועלען מיר פּרובירען. אויב אַזוי, טאָ פאַר וואָס ניט פּרובירען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אָרגאַניזירען אַן ארבייטער־פּאַרטיי? — אַ, דאָס איז אַנדערש.

וואָרום איז אַנדערש? מיט וואָס איז אַנדערש? — אויף דעם האָב איך שוין קיין ערקלערונג ניט געקענט קריגען. עס איז דער אַלטער קינדישער ענטפער: „ביקאָז"...

איך האָב גערעדט מיט עטליכע אַנדערע און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ניט נאָר איז זיי שווער צו פאַרשטעהן מיין געדאַנקען־גאַנג, נאָר מיר איז אויך שווער צו פאַרשטעהן זייער געדאַנקען־גאַנג. זיי האָבען מיינעם אפשר ניט פאַרשטאַנען, ווייל אין איהם איז פאַראַן צופיל גמרא, און איך זייערען — ניט, ווייל ער איז צו נאַאיוו. מיר איז שווער צו באַגרייפען דעם געדאַנק פון פאַרכאַפּען פּאָליטישע פּאַרטייען, ווייל מיין באַגריף וועגען אַ פּאָליטישער פּאַרטיי איז אַ גאַנץ אַנדערער און מיר איז פּונקט אַזוי שווער צו פאַרשטעהן ווי אַזוי מען קען צוברעכען אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און זיי אָפּשאַפען, ווי לאַנג עס זיינען פאַראַן אינטערעסען, וואָס שאַפען פּאָליטישע פּאַרטייען.

אָבער ניט דאָס אייגענטליך האָב איך געוואָלט אַרויסברענגען. דער עיקר איז דאָ, ניט וואָס מיר קענען זיך איינע די אַנדערע ניט אַזוי גוט פאַרשטעהן, נאָר דאָס וואָס עלטערע מענשען, בפרט נאָך אַלטע מענשען, וועט איהר ווייניג ענדערען, ווען זיי וועלען אייך אפילו פאַרשטעהן. אַלטע מענשען זיינען, מיט ווייניג אויסנאַהמען, אין אַלגעמיין נעגען ענדערונגען. דאָס אַלטע איז בעסער, קליגער און זיכערער, ווי דאָס נייע.

עס איז פאַר יעדער באַוועגונג און באַזונדערס פאַר דער ארבייטער־באַוועגונג אַ ברכה צו האָבען צווישען איהרע פיהרער אַלטע ערפאַהרענע מענשען. זיי זיינען די וואָס האַלטען אָפּ די יונגע, אַז זיי זאָלען ניט לויפען צו שנעל פאָראויס און זאָלען מיט זייער הייסען בלוט ניט אונטערנעמען זאַכען, וואָס זיינען צו ריזיקאַליש און זאָלען ניט מאַכען אַלע ווײלע נייע איבערקערענישען. עס איז אָבער גאָר ניט גוט, ווען עס זיינען פאַראַן כמעט בלויז אַלטע, וועלכע ריהרען זיך ניט פון אָרט.

אָבער איך האָב דערביי אויך געטראַכט, אַז ענדליך וועלען זיי זיך דאָך מוזען אַ ריהר טאָן. די שווערע צייט, וואָס מיר לעבען איצט איבער, מוז זיי דאָך אַ שטויס טאָן. די איצטיגע ארבייטסלאָזיגקייט מוז אויפרודערען אפילו די גאַנץ אַלטע פיהרער פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר. עס איז ניט אַזוי די ארבייטסלאָזיגקייט גופא, ווי איהר כאַראַקטער. סתם ארבייטסלאָזיגקייט איז קיין נייעס ניט אין אַמעריקא. שוין מעהרערע מאָל געווען און מעהרערע מאָל

קוקען דעם נאקעטען אמת אין פנים און באשטימען, וואס עס איז יא מעגליך דורכצופיהרען אין לעבען און וואס עס איז ניט מעגליך. דאס מעגלאכבע מוזען מיר אויסקעמפען און דורכפיהרען; אבער צו קעמפען פאר אונמעגליכע זאכען מיינט, „קעמפען נעגען ווינט-מיהלען".

ביי א ספעציעלען מיטינג פון באארד און דירעקטארס האט זיך אזא אלגעמיינע דיסקוסיע שוין אנגעפאנגען. א חוץ די באארד און דירעקטארס זיינען צום מיטינג געווען געלאדען אלע לאקאל און דיסטריקט מענעדזשערס און אויך פרעזידענט דוד דובינסקי. די לאגע איז שוין ארומגערעדט געווארען פון איינינע רעדנער. די דיסקוסיע איז אונטערבראכען געווארען צוליב בר. י. נאגלער'ס אורלויב. אזוי שנעל ווי אונזער גענעראל מענעדזשער וועט זיך דערהאלען און צוריק איבערנעמען זיין אמט, וועט די דיסקוסיע פארטגעזעצט ווערען.

נאכדעם ווי מען וועט קומען צו באשטימטע מיינונגען און פלענער, וועלען זיי פארגעלייגט ווערען פאר די עקזעקוטיוועס פון אונזערע אנגעשלאסענע לאקאלען. די מעמבערשיפ וועט דאן קריגען א מעגלאכקייט צו זאגען דאס לעצטע און ענטשיידענדע ווארט.

⁂

אויף'ן טאג ארדנונג שטייט אצינד שארף די פראגע, וואס עס זאל געטאן ווערען צו די דזשאבערס וועמעס עקספרעסען עס פיהרען כסדר די ארבייט אין; אלדי שווארץ יאהר, צו ווערען אויפגעטאכט אונטער די ערגסטע סוועט שאפ קאנדיציאנס.

די פראגע האט ארויפגעשטעלט לאקאל 17, וועלכער, אין א צושריפט, האט פארלאנגט מיר זאלען אנפאנגען ווערען טעטיג אין דעם זין פון באקעמפען דיזע טרויעריגע סיטואציע וואס רואינירט אונז און ברייננט די קלאוקמאכער צו בעטעל-ברויט. דער לאקאל שלאגט פאר אז א גרויסע דעמאנסטראציע זאל ארגאנזירט ווערען אין דעם „נארמענט דיסטריקט" אין וועלכען אלע קלאוקמאכער זאלען אויפגעפאדערט ווערען צו באטיילינען זיך. דאס זאל זיין דער ערשטער אקט אין דעם אונאויפהערליכען קאמף געגען די נידערטרעכטיגע האנדלונגען פון די אומפאראנטווארטלאכע דזשאבערס, וואס ווילען רייך ווערען פון סוועט שאפ ארבייט.

דער דזשאינט באארד האט דעם צושריפט גוטגעהייסען. פלענער ווערען אצינד אויסגעארבייט און אזוי שנעל ווי דער נייער דזש. באארד וועט אינסטאלירט ווערען וועט מען גלייך זיך נעמען דורכפיהרען די אויסגעארבייטע פלענער אין לעבען.

מיטוואך דעם 4טען יאנואר וועט געמאכט ווערען די אינסטאלאציע פון נייעם דזשאינט באארד. דער פארגאנגענער יאהר איז געווען א זעהר ביטערער. פילעס וואס איז געטאן געווארען און באדינגונגען וואס מיר האבען אויסגעקעמפט זיינען געגאנגען לאיבוד צוליב דער שלעכטער עקאנאמישער לאגע, וואס איז דעם פארגאנגענעם „סיזאן" געווען ערגער ווי די גאנצע צייט פון קריזיס. לאמיר האפען, אז דער נייער יאהר וועט ברייננען א געוויסע פארבעסערונג און אז דאס וועט אונז געבען א מעגלאכקייט פארצוזעצען אונזער היסטארישע ראלע פון פארקעמפער און וועגווייזער פאר דער גאנצער אידישער און ניט אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע.

מיר ווינשען דעם נייעם דזשאינט באארד גרויס ערפאלג. זאל זיין גורל זיין, צו בלייבען אזוי היסטאריש, ווי עס זיינען געוועזען יענע דזשאינט באארדס אין די יאהרען ווען מיר האבען אויסגעקעמפט וויכטיגע פונקטען דורך וועלכע מיר האבען פארבעסערט די עקאנאמישע לאגע פון די קלאוק מאכער פון ניו יארק.

מיט דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

פון מאקס בלושטיין, סעקרעטער.

●

אין דער טאג-טעגליכער ארבייט פון א יוניאן איז אייגענטליך קיין מאל ניטא קיין אנהויב און קיין אפשטעל. די ארבייט ציהט זיך כסדר ווי א קייט, איין רינג געשלאסען אין צווייטען. זומער, ווינטער, פריהלינג, הערבסט — אלע מאל דער זעלבינער כסדר'דינער קאמף מיט די באלעבאטים, אמאל אויף א גרעסערען מאסשטאב, אמאל אויף א קלענערען, אבער אלץ די זעלביגע ראנגלעניש פאר שכירות, שטונדען, באדינגונגען.

דער פארגעהן פון א יאהר און דאס אנקומען פון א נייעם יאהר מאכט ניט קיין אונטערשייד. דאך זיינען פאראן צייטען ווען עס איז נויטיג זיך אפצושטעלען און ווארפען א בליק צוריק אויף דער נאהענטער פארגאנגענהייט. אונטערציהען א סך הכל פון דער אפגעטאנענער ארבייט און אויסלעגען פלענער פאר דער צוקונפט. ניי-יאהר איז אזא געלעגענהייט און איך וויל זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו באקענען די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" בכלל און די דרעסמאכער בפרט מיט דער ארבייט וואס מיר האבען געטאן דורכ'ן לעצטען סעזאן און מיט פארבאריטונגען און פלענער וואס מיר האבען געמאכט פאר דער נאהענטער צוקונפט.

אונזער לעצטער ארגאניזאציאנס דרייוו

דורך דעם סעזאן וואס האט זיך ערשט ניט לאנג געענדיגט האט אונזער דזשאינט באארד אנגעפיהרט א זעהר לעבעדיגען ארגאניזאציאנס-קאמפיין. אונזער קאמיטע האט ארונטערגענומען אין סטרייק די ארבייטער פון 189 שעפער. אין סטרייק זיינען פארוויקעלט געווען 3,055 ארבייטער. דער קאמפיין האט אנגעהאלטען מיט קורצע אונטערברעכונגען פון דעם 9טען אויגוסט ביז דעם 29טען אקטאבער 1932.

די וואס זיינען באקענט מיט די עקזיסטירענדע באדינגונגען אין ניו יארקער דרעסמארקעט וועלען באגרייפען די ריזיגע מאס אנשטרענגונג און געלט וואס דאס האט געפאדערט. איינע פון די שווערסטע שטערונגען מיט וועלכע עס קומט אונז אויס זיך צו באגעגענען זיינען די גענגסטער-עלעמענטען וועלכע האבען פארפעסטעט די אינדוסטריע. געוויסענלאזע, געלט-גייציגע באלעבאטים האבען זיך ארומגערינגעלט מיט די פיאוויקעס, כדי אנצושרעקען זייערע ארבייטער און ניט צולאזען די יוניאן-פארשטעהער צו זייערע שעפער.

נאך א גרויסע שטערונג זיינען די מאדערנע „הימעל-קראצערס", די הויכע געביידעם אין וועלכע די היינטיגע סוועט-שעפער געפינען זיך. די סוועט-שעפער זיינען אין אלע הינזיכטען די זעלבע ווי זיי זיינען אלע מאל געווען. זיי שיידען זיך בלויז אונטער אין דעם אויסערליכען אויסזעהן. ביי די אריינגאנגען פון אט די מאדערנע טורמעס שטעהען ספעשעל פאליסלייט וואס היטען די סוועט-שעפער פון א בייזער אויג. די עלעווייטארלייט און די סטארטערס שפיאנירען נאך די קאמיטעס פון דער יוניאן וועלכע קומען אריין אין בילדינג און אנטזאגען זיך זיי צוצולאזען צו די שעפער.

אונטער אזוינע באדינגונגען מוזען די דערגרייכונגען אונזערע דורך דעם לעצטען ארגאניזאציאנס דרייוו באטראכט ווערען פאר א היבשען ערפאלג. איבער די אלגעמיין־שווערע באדינגונגען אין דרעס טרייד און הויפטזעכליך איבער דעם וואס דער גרעסטער טייל פון דער דרעס אינדוסטריע פאלט ביסלאכווייז אלץ מעהר אריין אין די הענט פון קליינע, אומפאראנטווארטליכע באסלאך, איז א צאהל פון די שעפער וואס מיר האבען ארונטערגענומען אין סטרייק געווען אוממעגליך צו סעטלען. טראץ דעם אבער האט דער ארגאניזיישאן דרייוו פארשטארקט אונזער פאזיציע אין די יוניאן-שעפער און האט באוויזען אז מיר זיינען אנטשלאסען און זיינען ביז א געוויסען גראד בכח צו באקעמפען די סקעב-שעפער אין דער אינדוסטריע.

ווידזשעס און ארבייטס באדינגונגען ווערען אונערטרעגליך

טראץ אלע אונזערע אנשטרענגונגען זיינען די באדינגונגען אונטער וועלכע אונזערע מיטגלידער זיינען געצוואונגען געווען צו ארבייטען לעצטען סעזאן געווען שרעקליכע. מאנכע פון אונזערע בעסטע בעל מלאכות וואס האבען זייער גאנצען לעבען געארבייט אין דרעס טרייד האבען דאס יאהר ניט געקענט קריגען קיין דזשאב און ווען זיי האבען שוין יא געקראגען א פלאץ האבען זיי געמוזט ארבייטען כמעט אומזיסט. עס איז א פאקט וואס קיינער קען ניט לייקענען, אז די ארבייטס-באדינגונגען און איבערהויפט די פארדינסטען פון די דרעסמאכער זיינען שוין ניט נאר ארונטערגעפאלען צו דער שטופע אויף וועלכער זיי זיינען געשטאנען אין 1910 נאר זיינען געזונקען נאך נידעריגער.

עס איז ניט מעגליך אז אזא ארגאניזאציע ווי אונזערע וועלכע איז געווען די ערשטע אנצוהויבען א קאמף פאר העכערע שכירות און קירצערע ארבייטס-שטונדען און האט אנגעהאלטען איהר פאזיציע אין די פראנט־רייהען פאר נאהענט פון א פערטעל יאהרהונדערט, זאל דולדען אזוינע באדינגונגען פיל לענגער. קריזיס אדער ניט קריזיס, די דרעסמאכער וועלען זיך ניט לאזען פארהונגערען מיט זייערע פאמיליעס.

פלענער פאר'ן קומענדען סעזאן

האבענדיג דאס אין זינען, האט אונזער עקזעקוטיוו באארד דורך די לעצטע עטליכע וואכען געווידמעט איהר גאנצע צייט אויסצוארבייטען פראקטישע פלענער ווי אזוי בייצוקומען די איבלען וואס הערשען איצט אין דרעס-טרייד.

צווישען די פארשלאגען וואס זיינען באטראכט געווארען און וואס האט צוגעצויגען פיל אויפמערקזאמקייט איז געווען א פארשלאג צו רופען א גענעראל-סטרייק אין דרעס-טרייד ביים אנפאנג פון קומענדען סעזאן. די וואס האבען פארגעלעגט דעם פלאן האבען געפיהלט, אז עס איז אנטשטאנען אן אויסערגעוועהנליכע לאגע דורך דעם איינשרינקען פון די פארדינסטען פון די ארבייטער, וועלכעס קען ניט אפגעשטעלט ווערען דורך קיין אנדערע מיטעל אויסער אן אלגעמיינעם סטרייק אין טרייד. דער איינציגער ארגומענט וואס איז אנגעגעבען געווארען נעגען א סטרייק איז, אז די צייט איז ניט גינסטיג פאר אזא שריט.

נאך לאנגע דיסקוסיעס האט די עקזעקוטיוו באארד איינגעשטימט אויף פאלגענדער

אין אונזערע אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס

באַריכטען און צושריפטען וועגען טעטיגקייטען און געשעהענישען אין אונזערע לאָקאַלען און דזשאָינט באָארדס

אין דער קלאָוקמאַכער דזשאָינט באָארד פון ניו יאָרק

פון מ. י. אשביז, סעקרעטאר דזשאָינט באָארד

דעם פאַרגאַנגענעם מאָנאַט, האָבען מיר אין אונזער אינדוסטריע געהאַט א גוטען ביישפּיל איבער דעם ענין קלאָסען־קאַמף. אמת, עס איז אצינד ניט קיין סטרייק, דאָך קעמפען די צוויי צדדים — ארבייט און קאַפּיטאַל, זייער „פרידליכען קאַמף" מיט ניט ווייניגער עקשנות און פאַרביסענקייט, ווי ביי א ריכטיגען סטרייק.

מיר האָבען לעצטען זומער געהאַט אן אָרגאַניזיישאָן סטאָפּעדזש און אונטערגעשריבען אן אגרימענט אויף איין יאהר מיט דריי אסאָסיאיישאָנס. עס איז אין גאַנצען פאַריבער דריי און א האלב מאָנאַטען און שוין האָבען די דזשאָבערס זיך גענומען באַקלאָגען אז דער אגרימענט פאַלט זיי נעבאך זעהר שווער, זיי קענען אים פשוט ניט איבערטראַגען און דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן זאָל זיי דאריבער געבען „רעליעף"...

אין דעם נייעם, איין־יאָריגען אגרימענט, האָבען די דזשאָבערס זיך פאַרפליכטעט נאָכצוקומען 3 זאַכען: (1) האלב לימיטיישאָן; (וואָס ווערט אנגערופען דאָפּעלט לימיטיישאָן); (2) א מיניםום פּראָדוקציאָנס־פּרייז, וואו די יוניאָן זאָל אויך קענען אנטייל נעמען און זען, אז דער פּרייז זאָל זיין אזא, וואָס זאָל מעגליך מאַכען נאָכצוקומען יוניאָן סטענדאַרדס; (3) אז דזשאָבערס וואָס ווילען האָבען אייגענע סעמפּעל־מאַכערס, זאָלען האָבען אייגענע שעפּער, אדער א קאָנטראַקטאָרס שאָפּ, וועלכען זיי זאָלען אנערקענען אלס אייגענעם.

דזשאָבערס וואָס זיינען ערענהאַפט, וואָס מיינען באמת אפּצוהיטען קאָנדיציאָנען וואָס זיי שרייבען אונטער, וואָלטען קיינמאָל ניט געקומען אזא קורצע צייט נאָכ'ן אונטערשרייבען פון אן אגרימענט מיט אזעלכע טענות. בפרט אז די פּונקטען זיינען גאָר ניט אזוי שווער אפּצוהיטען. די פּאַסירונגען פון פאַרינען סיזאָן זיינען גאָר ניט געווען אזוי גינסטיג פאַר די ארבייטער און דאריבער אומגינסטיג פאַר די דזשאָבערס, אז זיי זאָלען זיך דאַרפען באַקלאָגען. אויב באַקלאָגען זיך, דאַרפען עס נאָר די ארבייטער, וואָס האָבען קיין לעבען ניט געקענט מאַכען, אלס רעזולטאַט פון די פאַרלעצונגען פון דעם אגרימענט מצד די דזשאָבערס; פאַרלעצונגען פאַר וועלכע דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן האָט אין א געוויסער קייס ארויסגעגעבען א שטראָף פון 2,500 דאָלאַר. אָבער אזוי איז שוין די טבע פון באַלעבאַטים, אז אפילו דער קלענסטער צאָם איז זיי דערווידער און זיי קענען אים ניט איבערטראָגען.

דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן, האָט אפּגעוואָרפען זייערע טענות און האָט ענטשידען, אז די דזשאָבערס מוזען נאָכקומען די נייע פּונקטען פון דעם אגרימענט. ווען אָבער אימיצער וועט פרעגען: נו, וועלען די דזשאָבערס אים אצינד שוין אפּהיטען איז דער ענטפער א קלאָהרער. זיי וועלען געוויס טרייען אים צו פאַרלעצען, ווי ווייט נאָר זיי וועלען קענען — אויב די יוניאָן וועט זיי ניט געבען איבער די הענט.

איינער פון די ביישפּילע איז טאַקע די פראַגע פון די סעמפּעל מאַכער. לויט'ן אגרימענט דאַרף יעדער דזשאָבער וואָס האָט אנגעהאַלטען סעמפּעל מאַכער, איינפּיקסען אן אייגענעם שאָפּ אדער איבערנעמען איין שאָפּ פון זיינע קאָנטראַקטאָרס אלס זיין אייגענעם. א גרויסע צאָל דזשאָבערס האָבען אויפגעמאַכט סעמפּעלס אָבער ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע פון איינשטעלען אייגענע שעפּער, האָבען זיי פאַרגעשלאָגען אזעלכע „סקעלעטאָן" (פּיצעגאָנצינקע) שאָפּסעלאַך אז עס איז אונטער דער ווירדע פון דער יוניאָן, דעם פאָרשלאַג אפילו צו באַטראַכטען. צונעבענדיג „באַליידיגונג צום וועהטאָג", (אינסאַלט טו אינדזשורי), וויל די אסאָסיאיישאָן אז די יוניאָן זאָל זיך מיט יעדען דזשאָבער באַזונדער אויסדינגען, ווי קליין זיין „סקעלעטאָן" שאָפּ זאָל זיין. ווען מען וועט מיט א דזשאָבער זיך ניט אויסגלייכען, זאָל די יוניאָן ארונטערנעמען זיינע סעמפּעל מאַכער.

ווי עס שיינט, דענקט די דזשאָבערס אסאָסיאיישאָן אז א אומגעזעצליכע מעטאָדע פון אנהאַלטען סעמפּעל מאַכער אויף אן אופן פון „בראָדיאַגעס" איז פאַר זיי בעסער. זיי ווילען ווייטער האַלטען סעמפּעל מאַכער געגנב'עטערהייד, די יוניאָן זאָל שיקען קאָמיטעס צו מאַכען „אַביסקעס" און די סעמפּעל־מאַכער ארונטערנעמען. די דזשאָבערס פון זייער זייט, ווילען טרייען די סעמפּעל מאַכער באַהאַלטען...

אָט די זעלבע פּראָצעדורע, ווי עס איז געווען איידער דער איצטיגער אגרימענט איז אונטערגעשריבען געוואָרען. עס איז איבעריג צו זאָגען, אז די יוניאָן וועט זיך דערביי ניט אפּשטעלען און וועט שוין אכטונג געבען, אז אזעלכע דזשאָבערס זאָלען פון די אריינגע'גנב'עטע סעמפּעל־מאַכער קיין גרויס נחת ניט האָבען...

* * *

אין די יאָרען פון פּראָספּעריטי, האָט מען פון ריאָרגאַניזיישאָנס כמעט ניט געהערט. די אינסייד באַלעבאַטים האָבען געמאַכט גלענצענדע געשעפטען. דער עולם האָט געפאָדערט א בעסער אויפגעגייטען מלבוש און דער וואָס האָט געקענט אנווייזען אז ער האָט אן אייגענעם שאָפּ, האָט פון „באַיער" געקראָגען א העכערען פּרייז. די באַלעבאַטים האָבען קיינער ניט געטראַכט פון אויפגעבען אדער פאַרקלענערען זייערע שעפּער. די דזשאָבערס האָבען נאָר געזוכט „מיטלען" ווי אזוי אפּצונאַרען דעם „באַיער", ער זאָל מיינען, אז ער קויפט ביי א מאַנופעקטשורער...

מיט'ן אָנקומען פון קריזיס האָט זיך די לעצטע צייט ווידער אנגעהויבען די סדרה ריאָרגאַניזיישאָנס. די צרה איז, וואָס דער יוניאָן איז זעהר שווער צו באַקעמפען א ריאָרגאַניזיישאָן. לויט דעם אגרימענט, איז דערלויבט צו מאַכען א ריאָרגאַניזיישאָן אין „גוד פעיט". דאריבער, ווען א באַלעבאָס קומט אין צייט פון איצטיגען קריזיס און טענה'ט, אז ער האָט פאַרלאָרען א סך געלט און ער מוז פאַרקלענערען זיינע ביזנעס, אדער ווערען א דזשאָבער, האָט ער א מעגלאָכקייט צו געווינען זיין פאַרלאַנג. עס זיינען נאַטירלאָך אויסגעארבייט געוואָרען א סך באַוואָרענישען, וועלכע צילען ניט צו דערלאָזען קיינע פעיק־ריאָרגאַניזיישאָנס. די פּראָבלעם איז אָבער אצינד, ניט די פעיק־ריאָרגאַניזיישאָנס, נאָר די אמת'ע, דורך וועלכע איינינגע הונדערט קלאָוקמאַכער האָבען לעצטענס פאַרלאָרען זייערע דזשאָבס.

די יוניאָן גיט זיך ניט אונטער אָהן א ווידערשטאַנד. אין די פעלע וואו באַלעבאַטים ווילען ווערען דזשאָבערס, ווערט יעדער פאַל געבראַכט צום אומפּאַרטייאישען טשערמאַן. אבוואהל מיר ווייסען, אז די שאַנסען, ניט צו דערלאָזען איינעם ווערען א דזשאָבער זיינען ניט קיין גרויסע, זיינען דאָך וויכטיג די באַשרענקונגען וואָס די יוניאָן קעמפּט אויס. דורך דיזע באַשרענקונגען געלינגט שפּעטער דער יוניאָן אין געוויסע פעלע צו צווינגען געוויסע פירמעס ווידער אויפצועפענען דעם אינסייד שאָפּ, ווי דאָס איז געווען דער פאַל פון וואָלף און שעינבערג; קאָהן און קאַפּעל און די באַנער קלאָוס קאָ.

אין פעלע וואו דער באַלעבאָס פאָדערט א טיילווייזע ריאָרגאַניזיישאָן, איז דער יוניאָנ'ס שטעלונג, אז אפילו דאָרט, וואו די יוניאָן איז ניט אימשטאַנד אפּצוהאַלטען קיין טיילווייזע ריאָרגאַניזיישאָן, מוז אָבער אומבאַדינגט געוואָרפען ווערען א גורל ווער עס זאָל ארונטערגיין. די יוניאָן קעמפּט מיט אלע כוחות ניט צו דערלאָזען דעם באַלעבאָס אליין אויסצוקלייבען די וואָס זאָלען פאַרבלייבען. מיר קעמפען אויך, אז די וועמעס גורל עס איז ארונטערצוגיין, זאָלען באַקומען א קאָמפּענסאַציע פון איינינע וואָכען שכירות, ביז זיי וועלען קענען געפינען אנדערע פּלעצער.

* * *

דורך דעם מאָנאַט נאָוועמבער איז אין אונזערע לאָקאַלס פאַרהאַנדעלט געוואָרען א געוויסער פּלאַן פון עקאָנאָמיע, דורך וועלכען דער דזשאָינט באָארד וועט שפּאָרען 25,000 דאָלאַר א יאהר. (אין דעם פּלאַן גייט ניט אריין די עקאָנאָמיע פון די לאָקאַלס זעלבסט.) די צאָל ביזנעס אייזשענטס און מענעדזשערס איז פאַרקלענערט געוואָרען פון 38 אויף 32. דער דאַון טאַון און דער האַרלעם אָפיס ווערען אפּגעשאַפט און אלצדינג וועט אנגעפיהרט ווערען פון דעם ניו יאָרקער הויפּט אָפיס. א טייל פון דעם פּלאַן איז אויך, אז די לאָקאַלס 1 און 9 זאָלען זיך איבערציהען אין דעם דזשאָינט באָארד אָפיס. פּלאַץ קען פאַר זיי געפינען ווערען, זיי זאָלען זיך געפינען גאַנץ באַקוועם אין דזשאָינט באָארד אָפיס, דורך וועלכען עס וועט געשפּאָרט ווערען איינינע טויזענד דאָלאַר רענט, וואָס קען פאַרנוצט ווערען אויף טאָן אָרגאַניזאַציאָנס ארבייט.

* * *

מיר האָבען אויבען שוין דערמאָנט, אז אונזער נייער אגרימענט איז געמאַכט געוואָרען אויף איין יאהר. עס איז דאריבער אין צייט צו באַטראַכטען די אלגעמיינע עקאָנאָמישע סיטואַציע אין אונזער טרייד און זוכען צו געפינען אן ענטפער: איין ווענ אדער דעם צווייטען. מיר מוזען איינמאָל פאַר אלע מאָל איינזען, אז א זיג אויפ'ן פּאַפּיר מיינט: זיך אליין אפּנאַרן. מיר מוזען דאריבער

בענעפיטס וואס מען האט אויסגעצאהלט אין 1930.

פאר אונזערע מיטגלידער וועט אויך זיין אינטערעסאנט צו וויסען, אז די 2,319.05 דאלאר וואס אונזער לאקאל האט אריינגענומען פון דעם 1932 טעקס פון 5 פראצענט איז כמעט אינגאנצען פארוועגדט געווארען אויף סטרייק אויסגאבען. זיי דארפען אויך האבען אין זינען, אז מיר האבען נאך איצטער צוויי שעפער אין סטרייק וועלכע קאסטען אונז וועכענטליך ארום 250 דאלאר אין סטרייק בענעפיטס און עקספענסעס.

דורך דער צייט האט אונזער לאקאל איינגענומען 4,152.11 דאלאר פון באלעבאטים פאר בעק־פעי פאר זייערע ארבייטער. אונזער קראנקען־בענעפיט פאנד האט דורך דער צייט אריינגענומען 1,255.25 דאלאר און האט אויסגעצאהלט צו קראנקע מיטגלידער 892.51 דאלאר.

אונזער לאקאל ווערט געפירט דעמאקראטיש.

צו באווייזען די פאלשקייט פון די באהויפטונגען, וואס איינינגע מאכען פון צייט צו צייט, אז אונזער לאקאל ווערט ניט פארוואלטעט אויף א דעמאקראטישען אופן נאר ווערט געפירט פון די בעאמטע, וויל איך דערמאנען די פאלגענדע פאקטען:

דורך דער צייט פון דער לעצטער אדמיניסטראציע האט אונזער עקזעקוטיוו באארד אפגעהאלטען 55 מיטינגען, די מעמבערשיפ קאמיטע האט געהאט 33 זיצונגען, די פינאנץ קאמיטע איז זיך צוזאמענגעקומען 12 מאל, די סיק־בענעפיט קאמיטע האט געהאלטען 7 מיטינגען, די ארגאניזיישאן קאמיטע איז דורך דער צייט זיך צוזאמענגעקומען 9 מאל אויסצוארבייטען פלענער ווי אזוי צו ארגאניזירען די ארבייטער אין דעם טרייד. די איינציגע קאמיטע וואס איז געווען וויינינער טעטיג ווי אלע אנדערע, איז געווען די גריווענס קאמיטע, וועלכעס באווייזט, אז די פיהרערשאפט איז ניט פאראינטערעסירט שווער צו באשטראפען אפילו די מיטגלידער, וועלכע פארזינדיגען זיך נעגען דער ארגאניזאציע.

וואס אנבאלאנגט מיטגלידער פערזאמלונגען, האבען מיר זינט די לעצטע עלעקשאנס געהאט 4 דזשענעראל מעמבער מיטינגס, 9 פארזאמלונגען פון דעם אינטערנעשאנעל ברענטש און 9 מיטינגען פון איטאליענישען ברענטש. דורכשניטליך האבען מיר געהאט א מעמבער מיטינג אלע צוויי וואכען. מיר האבען דורך דער צייט אויך אפגעהאלטען 215 שאפ מיטינגען. בלויז די ארבייטער פון די „קארנעגי" שעפער אליין האבען דורך דער צייט געהאט 110 מיטינגען.

דורך דער צייט האט די יוניאן געשליכטעט 368 שאפ קאמפלעינטס. די מערסטע פון זיי זיינען געסעטעלט געווארען צו גונסטען די ארבייטער. דריי סכסוכים זיינען איבערגעגעבען געווארען צום אימפארשעל טשערמאן.

די עטליכע ציפערען און פאקטען וואס מיר גיבען דא איבער קענען איבערצייגען יעדען איינעם, אז אונזער לאקאל האט דורך דער צייט געלעבט און פונקציאנירט אין יעדען הינזיכט און יעדער מיטגליד אהן אונטערשיד האט געקראגען די אויפמערקזאמקייט אין וועלכער ער האט זיך גענויטיגט.

3 עלעמענטען צווישען אונזערע מיטגלידער.

אויב אונזער טעטיגקייט האט ניט געבראכט די פולע רעזולטאטען וואס איך האב ערווארטעט אין דער צייט ווען איך האב איבערגענומען דעם אמט אין לאקאל, איז עס א דאנק דעם פאקט, וואס צווישען אונזערע מיטגלידער זיינען דא 3 באשטימטע עלעמענטען. ערשטענס, האבען מיר א גרופע מענשען וועלכע, אנשטאט צו באטראכטען אז די יוניאן איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אלס אן עקאנאמישע ארגאניזאציע, זיינען זיי נאר גרייט צו טאן אלץ וואס זיי קענען איהר צו שעדיגען. דער צווייטער עלעמענט באשטעהט פון מיטגלידער וועלכע זיינען בלויז דיוס־צאהלער, אי דאס ווען עס לוינט זיך זיי. דער דריטער עלעמענט באשטעהט פון עהרליכע, אויפריכטיגע טרייד יוניאניסטען אבער וועלכע זיינען נאך אלץ ענטמוטיגט פון דער נידערלאגע וואס די יוניאן האט געליטען אין 1930, און זיי קענען נאך צו זיך ניט קומען. די מענשען נעמט זייער לאנג צו באגרייפען אז מען מוז אויפהערען באקלאגען די פארגאנגענהייט און זיך נעמען צוריקברענגען די יוניאן צו איהר פריהערדיגער שטופע פון מאכט און איינפלוס.

מיט צופרידענהייט מערקען מיר אבער אז פילע פון אט דעם 3טען עלעמענט האבען לעצטענס אנגעהויבען באגרייפען, אז אזוי לאנג ווי זיי ארבייטען אין די שעפער, מוזען זיי זעהן אז זיי זאלען קענען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען פון דער ארבייט. פאר דעם דארפען זיי האבען א שטארקע יוניאן. איך האף אז די ערוואכונג וועט איצט גרייכען אויך די איבעריגע מיטגלידער אום מיר זאלען קענען מאכען כסדר'דיגען פארטשריט אין דער צוקונפט.

אנערקענונג די וואס האבען עס פארדינט.

איך קען ניט שליסען מיין קורצען איבערבליק איידער איך פארעפענטליך א ספעציעלען דאנק פאר דער געטרייער הילף פון ברודער ווישנעף, דעם ביזנעס אידזשענט פון לאקאל 38, וועלכער אטענדעט צו דער רוטינער ארבייט פון דער יוניאן און די קאמפלעינטס, צו די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באארד, וועלכע האבען מיט איבערגעגעבענהייט אונטערנומען און דורכגעפיהרט זייער טייל אין דער פארוואלטונגס־ארבייט פון לאקאל. מיר מעגען זיך האבען מיינונגס־פארשידענהייטען איבער פילע פראגען, אבער עס פרעהט מיך צו זאגען, אז צום גרעסטען טייל שטאמט עס פון דעם פארלאנג צו ברייגנען נוצען דער יוניאן. א דאנק פארדינען אויך זיכער די איבערגעגעבענע מיטגלידער פון לאקאל וועלכע האבען אין דעם צוגרייטונגס קאמפעין און נאכדעם אין גענעראל־סטרייק זיך באטייליגט אין דער ארבייט. איך באדויער וואס איך קען זיי ניט אלעמען אויסרעכענען מיט די נעמען, ווייל דער פלאץ ערלויבט עס ניט. איך בין איבערצייגט, אז אלץ, וואס זיי האבען געטאן איז עס געווען אויס אידעאליסטישע מאטיווען און פון דעם פארלאנג צו פארשטארקען די ארגאניזאציע.

מיר הויבען איצט אן א נייעם טערמין. לאמיר זיך פארפליכטען צו טאן אונזער ארבייט מיט קראפט און מיט אן אויפריכטיגען גלויבען אין בעסערע צייטען. לאמיר אלע טאן וואס עס איז פאר אונז נאר מעגליך צו מאכען אונזער לאקאל פאר אן ארגאניזאציע מיט וועלכער יעדער ארבייטער פון טרייד זאל קענען זיין שטאלץ וואס ער באלאנגט צו איהר.

ערב וויכטיגע געשעהענישען אין קליוולאנד

פון א. וו. קאטאווסקי, מענעדזשער פון דזשאינט באארד.

●

אונזערע מיטגלידער קוקען ארויס געשפאנט אויף דעם, וואס די היגע סיטואציע וועט מיט זיך ברייגנען. ווען מיר האבען א סטרייק אין דער אינדוסטרי דעם מאנאט? וועלען די פאבריקאנטען אנטזאגען די מעסיגע פאדערונגען פון דער יוניאן און פראוואצירען א קאמף? די פירערשאפט פון דער יוניאן גרייט זיך דערוויילע פאר יעדען פאל. מיר פלאנעווען צו רופען אין גיכען א מיטינג און באשטימען א סטרייק־קאמיטע, וועלכע זאל פירען דעם קאמף, אויב עס וועט קיין אנדער אויסוועג ניט בלייבען.

מיר האבען שוין באריכטעט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", אז אלע מאנופעקטשורערס האבען געלאזט וויסען דער יוניאן, אז זיי וועלען דעם אגרימענט ניט באנייען. זיי פאדערען מען זאל אפשאפען די גאראנטי פאר א באשטימטע צאל וואכען ארבייט א יאר אין דעם פונקט וועגען דעם ארבייטסלאזען פארזיכערונגס־פאנד. די צוויי פאדערונגען זיינען אלגעמיינע. חוץ דעם פאדערט יעדער מאנופעקטשורער ספעציעלע קאנצעסיעס. מיר ערווארטען, אז זיי וועלען איינגיכען צוריקציהען זייערע פאדערונגען און וועלען אונטערשרייבען דעם אגרימענט, וואס די יוניאן האט זיי פארגעלייגט. אויב זיי וועלען בלייבען איינגעשפארט, וועלען מיר רופען א סטרייק.

די „קעלער־קאהן קאמפאני" איז מודה, אז די יוניאן האט רעכט געהאט.

מיר האבען לעצטען מאנאט דערמאנט די טאקטיק, וואס די קעלער־קאהן קאמפאני ווענדעט אן און אנגעוויזען, אז זיי גרייטען זיך צו באקעמפען די יוניאן. לעצטע וואך האט די פירמע ארויסגעגעבען אן ערקלערונג אין א היגער צייטונג, אז זיי וועלען אויפגעבען זייער געשעפט ארום 15טען יאנואר, צוגעבענדיג דערביי „ווען די אלגעמיינע באדינגונגען וועלען ווערען גינסטיג, איז פאראן א מעגליכקייט צום ארגאניזירען א נייע קאמפאני". דאס איז פאקטיש א באשטעטיגונג פון דעם, וואס מיר האבען פאראויסגעזאגט אין אונזער שאפ־צייטונג, וואס מיר גיבען ארויס דורך דעם קאמפיין. דעמאלט נאך מיט עטליכע וואכען צוריק האבען מיר אנגעוויזען די ארבייטער, אז עס טראגען זיך ארום קלאנגען, אז די פירמע פלאנעוועט צו מאכען איהר ארבייט דורך דעם קומענדען ספרינג־סעזאן אין ניט־יוניאן שעפער, און צוריק עפענען דעם איינסייד שאפ נאך דעם, ווי די ארבייטער וועלען דורך הונגער געצוואונגען ווערען זיך אונטערגעבען.

אט דעם חשד אונזערען האט די פירמע ניט נאר באשטעטיגט מיט איהר מעלדונג אין דער צייטונג, נאר אויך מיט איהר האנדלונג. כאטש די פירמע באהויפטעט, אז זי גיט אויף דעם געשעפט דעם 15טען יאנואר, האלט זי פונדעסטוועגען אן אירע בעסטע סיילסלייט און דעם הויפט דעזיינער. ווען די פירמע וואלט באמת געדענקט אויפגעבען די ביזנעס וואלט זי די מענשען ניט אנגעהאלטען. דאס באווייזט ווידער, אז די פירמע באצוועקט בלויז אנצושרעקען אירע 300 ארבייטער, אז זיי זאלען זיך אפרייסען פון דער יוניאן. דאס איז איר ווייט ניט געלונגען.

איינע פון די אורזאכען, וואס די קאמפאני גיט אן פאר איר ארויסגעהן פון ביזנעס, איז דער כאאטישער צושטאנד פון די ארבייטער ווידזשעס, וואס הערשט אין אנדערע מארקעטס. דאס איז אבער ניט מעהר, ווי א תירוץ. די ארבייטס־קאסטען שפילען ניט קיין וויכטיגע ראלע אין דעם פרייז פון די סארטען קליידער, וואס ווערען פראדוצירט אין קליוו־

פראגראם וועלכע איז איבערגעגעבן געווארן צו דער דזשאינט באארד פאר גוטהייסען:

1) די דזשאינט באארד זאל גלייך ארויסשיקען אן אויפפאדערונג צו דער באסעס אסאסיאיישאן פאר א קאנפערענץ מיט דער יוניאן.

2) ביי די קאנפערענצען זאלען די פארטרעטער פון דער יוניאן אויפפאדערען די באלעבאטים נאכצוקומען די פונקטען פון דעם אגרימענט. הויפטזעכליך דעם פונקט וועגען די מינימום ווידזש סקיילס.

3) מיר זאלען גלייכצייטיג אויך פאדערען אז יעדער לעדיגער פלאץ אין די שעפער אין אלע דעפארטמענטס זאל גלייך באזעצט ווערען מיט ארבייטער וועלכע די יוניאן וועט ארויסשיקען, כדי צו פארקלענערען די ארבייטסלאזיגקייט צווישען אונזערע מיטגלידער.

4) אין דער זעלבער צייט וואס דער קאנפערענץ מיט די באלעבאטים וועט גערופען ווערען, זאל די דזשאינט באארד אנפאנגען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין אויף א גרויסען מאסשטאב. פאר דעם צוועק שלאגען מיר פאר פאלגענדען פלאן:

א) די דזשאינט באארד זאל גלייך נעמען שריט וועלכע זיינען נויטיג צוצוגרייטען דעם עולם צו דעם קאמפיין דורך פאנאנדערשפרייטען ספעציעלע פלוג-בלעטער, ארטיקלען אין די צייטונגען און מיטינגען פון אקטיווע מיטגלידער.

ב) יעדער איינער פון די אנגעשלאסענע לאקאלס זאל גלייך ארגאניזירען זיינע אקטיווע מיטגלידער אין אן אפטיילונג. די אלע אפטיילונגען וועלען נאכהער פאראייניגט ווערען דורך דער דזשאינט באארד אין אן ארגאניזאציאנס קאמיטע פון פרייוויליגע.

ג) עס זאלען גערופען ווערען דיסטריקט מיטינגען פון שאפ-טשערלייט מיט'ן צוועק צו באקענען אונזערע מיטגלידער מיט דער נויטיגקייט און וויכטיגקייט פון דעם בעפארשטעהענדען קאמפיין און ווי נויטיג עס איז אז יעדער שאפ זאל העלפען אין דער ארבייט, דורך צושטעלען איינעם אדער צוויי ארבייטער פון זייער שאפ צו דינען אין דער פרייוויליגער ארגאניזאציאנס קאמיטע.

ד) עפענען ברענטש אפיסעס אין די בראנקס און ברוקלין פון וואנען דער ארגאניזאציאנס קאמפיין אין די געגענדען זאל אנגעפיהרט ווערען.

ה) בעטען דער אינטערנעשאנאל מיטצוארבייטען מיט דער דזשאינט באארד אין דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין דורך אויפלעבען איהר טעטיגקייט אין דעם אוט אוו טאון דעפארטמענט.

ביים מיטינג פון דער דזשאינט באארד וואס איז אפגעהאלטען געווארען דעם 14טען דעצעמבער איז דער פראגראם גוטגעהייסען געווארען און עס איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע זיך דורכצורעדען מיט פרעזידענט דובינסקי וועגען דעם קאנפערענץ מיט די אסאסיאיישאנס פון די באלעבאטים.

פרעזידענט דובינסקי'ס פארשפרעכען צו העלפען באגייסטערט אונזערע מיטגלידער

א געטרייער באריכט פון דער קאמיטע פון דער דזשאינט באארד וועלכע האט זיך געטראפען מיט פרעזידענט דובינסקי איז אפגעגעבן געווארען ביים מיטינג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד דעם 20טען דעצעמבער. דער פאלגענדער אויסצוג פון דעם פראטאקאל פון יענעם מיטינג אילוסטרירט דעם סענטימענט פון אונזער עקזעקוטיווע אין באצוג צו דעם קאנפערענץ:

„דער פרעזידענט, נאכדעם ווי ער האט אויסגעהערט אונזערע פארלאנגען, האט אונז געלאזט וויסען אז ער איז גרייט צו ארראנזשירען די קאנפערענצען מיט די פארשידענע אסאסיאיישאנס און וועט מיט צופרידענהייט זיך באטייליגען אין זיי. ער האט קלאר געזאגט דער קאמיטע אז אונזערע פאדערונגען זיינען גערעכטע; אז ער פלאנעוועט אין ניכען צו רופען א מיטינג פון די ניו יארקער מיטגלידער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און ער לאדט איין די לאקאלס וואס זיינען ניט פארטראטען אויף דער דזשענעראל עקזעקוטיוו צו זיין פארטראטען ביי די זיצונגען ווען די פראגע פון דרעס טרייד וועט פארהאנדעלט ווערען.

„ער האט אויך גינסטיג גערעדט וועגען איינשטעלען אן אינדעפענדענט דעפארטמענט אין דער דרעס דזשאינט באארד און האט שארף באטאנט, אז אזא דעפארטמענט וועט אין דער איצטיגער צייט זיין זעהר נוצליך פאר דער יוניאן. ער האט אויך ערקלערט, אז אין פינאנציעלע אנגעלעגענהייטען וועט די אינטערנעשאנאל טאן דאס העכסטע וואס זי קען צו העלפען דער דרעס דזשאינט באארד".

עטליכע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו האבען, דיסקוטירענדיג דעם באריכט פון דער קאמיטע ערקלערט, אז ווי ווייט זיי ווייסען, איז עס דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן אז די אינטערנעשאנאל זאל דורך איהר פרעזידענט באשליסען צו נעמען אן אקטיווען אנטייל אין די פראבלעמען פון די דרעסמאכער און זיי האבען אויסגעדריקט די האפענונג, אז מיט דער הילף פון אלע אקטיווע עלעמענטען אין דער יוניאן, וועט די באשטימטע הילף וואס די אינטערנעשאנאל וועט אונז געבען פיהרען צו וויכטיגע דערגרייכונגען.

די מאשינערי פאר'ן ארגאניזאציאנס-קאמפיין ווערט שוין צוגעגרייט

אלס ערשטער שריט אין דער ריכטונג פון מאביליזירען די אקטיווע כחות פאר'ן קאמפיין זיינען פאר דאנערשטאג, דעם 29טען דעצעמבער, גערופען געווארען 4 סעקשאן-מיטינגען פון אונזערע מיטגלידער אין די פארשידענע שטאדט-טיילען. ביי די מיטינגען איז פאר די מעמבערס פארגעלעגט געווארען די פראגראם וואס מיר האבען אנגענומען.

פאר דינסטאג, דעם 3טען יאנואר, רופען מיר די אקטיווע מיטגלידער צו א מיטינג אין אפיס פון דער יוניאן, 151 וועסט 33טע סטריט, מיט'ן צוועק צו קריגען די הילף פון אלע ערפאהרענע איבערגעגעבענע מיטגלידער, זיי זאלען זיך אנשליסען אין א גרויסער קאמיטע פון פרייוויליגע טוער. די קאמיטע וועט שפילען זעהר א וויכטיגע ראלע אין דער אנפיהרונג פון דעם קומענדען קאמפיין.

א מיטינג פון שאפטשערלייט און פרייז-קאמיטעס צו וועלכען עס וועלען אריינגעלאזען ווערען בלויז מעמבערס מיט ספעציעלע פעססעס פון דער יוניאן וועט געהאלטען ווערען אין בריינט האל דינסטאג, דעם 5טען יאנואר, גלייך נאך דער ארבייט.

חוץ דעם וואס מען וועט ביי דעם מיטינג דיסקוסירען די פראגראם וואס די דזשאינט באארד האט אנגענומען, וועלען די שאפטשערלייט אויפגעפאדערט ווערען צו העלפען אין דער ארבייט אויף פאלגענדען אופן:

1) די טשערלייט זאלען מיטהעלפען אין דער ארגאניזאציאנס ארבייט.

2) אזוי שנעל ווי דער ארגאניזאציאנס-קאמפיין וועט זיך אנהויבען זאל יעדער שאפ וואו עס ארבייטען 30 באלמעלאכעס אדער מעהר צושטעלען איין מעמבער פון זייער שאפ צו דער ארגאניזאציאנס קאמיטע און צאהלען צום ארגאניזאציאנס-פאנד זיינע אדער איהרע ווידזשעס, א סומע פון 25 דאלאר א וואך.

3) יעדער שאפ וואו עס ארבייטען פון 20 ביז 30 ארבייטער זאל געבען דער ארגאניזאציאנס קאמיטע א מענשען פאר 3 טעג א וואך און צאהלען אין ארגאניזאציאנס-פאנד 15 דאלאר א וואך פאר זיינע ווידזשעס.

4) א שאפ וואו עס ארבייטען צווישען 10 און 20 באלמעלאכעס זאל געבען דער ארגאניזאציאנס קאמיטע א מענשען פאר 2 טעג א וואך און צאהלען צום פאנד 10 דאלאר פאר 2 טעג ווידזשעס.

מיר האבען אלע אורזאכען צו האפען און מיר גלויבען אז די אנדערע 3 לאקאלס וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער דרעס דזשאינט באארד וועלען פאלשטענדיג מיטהעלפען דער דזשאינט באארד כדי דער קומענדער קאמפיין זאל ענדליך פארלייכטערן די לאגע פון אונזערע מיטגלידער.

14 חדשים מיט דער לעידיס טעילארס יוניאן

פון הערי גרינבערג, מענעדזשער.

כאטש די מעמבערשיפ פון לאקאל 38 איז פארהעלטניסמעסיג קליין, גלויב איך דאך, אז די טעטיגקייט פון אונזער יוניאן איז אינטערעסאנט און וויכטיג אויך פאר מיטגלידער פון אנדערע לאקאלס זיך מיט איהר צו באקענען.

מיט 19 מאנאטען צוריק, ווען איך האב איבערגענומען די פירערשאפט פון דער ארגאניזאציע, האט די לעידיס טעילערס יוניאן נאר וואס דורכגעמאכט א ניט געלונגענעם גענעראל סטרייק. די מיטגלידער זיינען געווען אין א פעסימיסטישען, כמעט פארצווייפעלטען געמיטס-צושטאנד. עס האט זיך געפאדערט א סך שווערע ארבייט און אנטשלאסענהייט איבערצוקומען די שווערע צייט, וואס האט נאכגעפאלגט.

עטליכע ציפערען און פאקטען.

היינט צו טאג זיינען מיר פונקט אזוי גוט אדער שלעכט אפ, ווי די מערסטע אנדערע יוניאנס דא אין לאנד. מיר זיינען ניט געזעסען מיט פארלייגטע הענט די לעצטע פאר יאהר נאר האבען נאכאנאנד געקעמפט צו באשיצען יעדע פאזיציע. די עטליכע ציפערען וואס איך גיב דא איבער וועלען אייך געבען א שטיקעל באגריף פון אונזער טעגליכער ארבייט דורך דער צייט.

אין די לעצטע 14 מאנאטען זינט די פאריגע וואהלען, האט די איינקונפט פון אונזער לאקאל אנגעטראפען די סומע פון 22,602.21 דאלאר און די אויסגאבען האבען באטראפען 22,795.46 דאלאר. דאס ווייזט אז מיר האבען געהאט א דעפיציט פון 193.25 דאלאר. אבער מען מוז האלטען אין זינען, אז אין די הוצאות איז שוין אויך אריינגערעכענט אזוינע אויסערגעוויינליכע אויסגאבען, ווי דאס צוריקגעבען סעקיוריטיס צו בעלי-בתים, צוריקצאהלען הלואות צו ארגאניזאציעס, וואס דער לאקאל האט געליהען אין צייט פון לעצטען סטרייק און אויך א טייל פון די סטרייק

פיהרערשאפט פון עטליכע קאמוניסטען, האָ-
בען ענדליך איינגעזעהן, ווי נוצלאָז אזא האנד-
לונג איז, און האָבען זיך ענדליך אנגעשלאסען
אין דער יוניאן אלע צוזאמען. אמת, זייער
צאָל איז ניט געווען גרויס, אבער זייער אנשלי-
סען זיך האָט באזייטיגט די הויפט-שטערונג
צום ארגאניזירען דעם צווייג פון טרייד.
דורכ'ן גאנצען מאנאט מאי זיינען מיר געווען
ביזי מיט'ן אריינגעמען די פרעסערס אין דער
יוניאן און זיינען געווען גאנץ ערפאָלגרייך.

עס האָט דאן פאסירט דאס אומפארמיידי-
ליכע — מיר האָבען פארלארען א קליינעם
סטרייק פון קאטערס, וואס איז גערופען געווא-
רען געגען דער נ. ה. פריעד קאמפאני. אלע
סטרייקס ביז דעם זיינען געווען ערפאלגרייך.
חוץ דעם איז אונז געלונגען אין ארום 20 שע-
פער צו סעטלען סכסוכים אָהן סטרייקס, צווינ-
גענדיג די באלעבאטים אויפצוגעבען זייער
פארלאנג צו שניידען שכירות. אין א צאָל
פאלען איז אונז אפילו געלונגען צו קריגען
אביסעל העכערונגען פאר ארבייטער, ווענעם
שכירות זיינען געווען אויסערגעוועהנליך נידע-
ריג. טראָץ דעם אבער האָט דער איין פארלא-
רענער סטרייק ווי פארשטיקט דעם ענטוזיאזם
פון די מיטגלידער, וועלכע זיינען בלויז געווען
אין דער יוניאן א פאר מאָנאטען. עס האָט
ניט געהאָלפען דער פאקט, וואס מיר האָבען
כסדר געווארענט די ארבייטער, אז רופענדיג
איינצעלנע שאפ-סטרייקס און ספעציעל נאָך
בלויז פון קאטערס, וועלען מיר זיך סוף כל סוף
מוזען אנשטויסען אויף א „הארטען נוס" און
פארלירען א סטרייק. עס האָט אויך ניט גע-
האָלפען אונזער ארגומענט, אז נאכדעם ווי מיר
האָבען אין 20 שעפער געוואונען, איז דאס
פארלירען פון איין סטרייק ניט געפערליך.
קיין זאך האָט ניט געהאָלפען. די קאטערס
האָבען אויפגעהערט קומען אין דער יוניאן.
א מורא פאר זייערע ווייזדישעס האָט ארומגע-
כאפט די קאטערס. דערצו נאָך איז עס נאָך
געווען ביים אנפאנג פון א לאנגען סלעק סע-
זאָן אין טרייד, וואס איז אלע מאָל געפערליך
פאר א נייע ארגאניזירטער גרופע. איין העלער
פונקט איז אונז אבער געבליבען. די פרעסערס
זיינען אין דער צייט געווארען זעהר טעטיג,
ארגאניזירענדיג קאמיטעס און ארייגבריינגענ-
דיג נייע מעמבערס אין דער יוניאן טעגליך.
די פרעסערס האָבען אנגענומען די זעלביגע
שלאָג-ווארטער, וואס די קאטערס האָבען בא-
נוצט מיט אזוי פיעל ערפאלג: „ניט דערלא-
זען שניידען ווייזדישעס אין די שעפער".

ווי שוין פריער געזאגט, איז דער פאָל-סי-
זאָן דאס יאָר געקומען זעהר שפעט. אויף אונ-
זער מזל האָט דער פרעזידענט פון דער אינ-
טערנעשאנאל, ברודער דובינסקי, אונז אפגע-
שטאַט א באזוך אין אויגוסט. מיר האָבען נאַ-
טירליך גערופען א מיטינג פון די מיטגלידער
צו טרעפען זיך מיט'ן פרעזידענט, און מיר
האָבען געקראָגען א וואונדערבארען אפרוף.
ברודער דובינסקי'ס אויסגעצייכענטע רעדע אי-
בער פראקטישען טרייד-יוניאניזם האָט אריינ-
געגעבען א נייע נשמה אין אונזערע ארבייטער,
און די מיטגלידער זיינען ווידער געווארען אק-
טיוו. א גרופע אפערייטאָרס, מענער, וואס
ארבייטען ביי דרעסעס, האָבען אנגעהויבען
פאָדערען, אז מען זאל עפעס אנהויבען טאָן
אויך פאר זייער בראַנטש. מיר זיינען נאטיר-
ליך געווען מעהר ווי צופרידען צו זעהן זיי קו-
מען בעטען הילף. דער ארגאניזאציאָנס-קאמ-
פיין האָט אנגענומען א נייע פאָרמע.

מיר האָבען דורכ'ן פאָל סעזאן איינגאנצען
געהאט 3-4 וואָכען ארבייט. פונדעסטוועגען
האָבען מיר געמאכט היכשען פארטשרים. עס
איז אונז געלונגען ארגאניזירען ארום 10 שע-
פער, שליסענדיג אגרימענטס מיט די באלעבא-
טעם. מיר האָבען פאר די ארבייטער פון די
שעפער געקראָגען קליינע העכערונגען אויף די
שכירות. מיר האָבען אויך געקראָגען העכע-
רונגען אויף די שכירות פאר די קאטערס און
פרעסערס אין א צאָל ניט-יוניאן שעפער, וואו
זייערע ווייזדישעס איז געווען באזונדערס ני-
דעריג. מיר האָבען אויך ניט דערלאָזען שניי-
דען די ווייזדישעס אין א צאָל שעפער. מיר
האָבען ניט דערלאָזען די באָסעס אנשטעלען
לערנער ביים שניידען און פרעסען גאנץ גלייך
צו דאס איז געווען אין א יוניאן-שאפ אדער
אין א ניט-יוניאן שאפ.

דער פלאַץ ערלויבט נאטירליך ניט צו גע-
בען אלע איינצעלהייטען. איך וועל דאריבער
בלויז דערמאָנען די שעפער, וואו די דערגרוי-
כונגען זיינען געווען באזונדערס אינטערע-
סענט און וויכטיג.

אין דער ריינהארדט פירמע האָבען די קא-
טערס געקראָגען, נאָך א קורצען סטאָפּעדזש,
א העכערונג אויף די שכירות פון 5 ביז 10
דאלאר א וואך; דער סעמיועל גראסמאן פיר-
מע האָבען מיר געצוואונגען אוועקצושיקען א
איינגעל א טשאָפער און אנשטעלען א יוניאן-
קאטער אויף זיין פלאץ; אין דער „קינסטאָן
דרעס" האָבען מיר ניט דערלאָזען שניידען די
ווייזדישעס פון די קאטערס; די פירמע „קר-
פערשמידט ענד שאָלדער" איז געצוואונגען גע-
ווארען צו העכערען די פרייזען פאר פרעסען;
ביי ליפסאָן בראָדערס האָבען מיר אנגעפירט
א קאמף פאר גלייכע צוטיילונג פון דער אר-
בייט ביי די קאטערס דורך דער צייט פון
סלעק און ניט דערלאָזען אנשטעלען טשאָ-
פערס. די פרעסערס פון דעמזעלביגען שאפ
האָבען ערוויילט זייער איינגענעם טשערמאַן,
און ער טיילט צווישען זיי די ארבייט. אין
פריהערדיגע צייטען, ווען עס פלעגט ווערען
סלעק, פלעגט די פירמע אוועקשיקען א העלפט
פון די פרעסערס און לאָזען די איבעריגע אר-
בייטען מעהר אדער ווייניגער סטעדי. איצט
קען די פירמע דאס מער ניט טאָן. די יוניאן
האָט פולען קאָנטראָל איבער די צוויי דע-
פארטמענטס אין שאפ און מיר האָפען סוף כל
סוף צום קאנטראלירען דעם שאפ אין גאנצען.

נאָך איין פאסירונג אין א ניי ארגאניזיר-
טען שאפ, וואו אויך די אפערייטאָרס האָבען
געצווינגען נוצען. דער ערשטער שאפ, וואס
מיר האָבען פאלשטענדיג ארגאניזירט אין דעם
פאָל-קעמפיין, איז געווען דער „שייפער דרעס
שאפ". מיר האָבען געקראָגען פאר די אפע-
רייטאָרס א העכערונג פון 5 סענט אויפ'ן
דרעס, 2 סענט אויפ'ן דרעס פאר די פיני-
שערס, די פרייזען פאר די פרעסערס און קא-
טערס זיינען געווען צו דערליידען, און זיי
האָבען קיין העכערונג ניט געקראָגען.

מיט דעם אנקומען פון סלעק האָט די פיר-
מע געמאכט א פארזוך ארונטערצורייסען די
5 סענט פון דער ביי די אפערייטאָרס. די
ארבייטער זיינען נאטירליך געווארען אויפגע-
קאָכטע. עס האָט אונז אבער בלויז גענומען
א האלבע שטונדען אויסצוגלייכען דעם סכסוך
און די ארבייטער האָבען צוריקגעקראָגען זייער
געלד.

אין א צווייטער פאבריק, ניט ווייט פון
דער, וואו די מיידלאך האָבען זיך אנטזאָגט
אנצושליסען אין דער יוניאן, האָט דער באָס
ארונטערגעשניטען דעם פרייז אויפ'ן דרעס
מיט 10 סענט. כאָטש מיר האָבען געהאט אין
דעם שאפ עטליכע מיידלאך, וואס האָבען באַ-
לאנגט צו דער יוניאן, האָבען דאָך די איבערי-
גע זיך געשעמט קומען אין דער יוניאן מיט
דער קלאָגע און זיי האָבען טאקע פארלארען
די 10 סענט פון דרעס. לאָמיר האָפען, אז
דאס וועט זיין א לעקציע פאר אנדערע אפע-
רייטאָרס איינצוזען, אז דורך א יוניאן קענען
זיי אויפהאלטען זייערע באדינגונגען אין שאפ
און נאָך קריגען פארבעסערונגען, און אָהן א
יוניאן קענען זיי בלויז דערווארטען, אז זייערע
ווייזדישעס זאל געשניטען ווערען.

די אפערייטארס געפינען איצט אויס, אז
עס לוינט זיך ניט איינצושפארען די עטליכע
סענט דיוס, וואס זיי דארפען צאָלען דער יו-
ניאן. די באָסעס נעמען ביי זיי אוועק די
געלד מיט פראצענט.

עס איז נאָך פאראן א סך צו באריכטען.
דער בריף איז שוין אבער אזוי אויך צו לאנג.
מיר וועלען דאריבער איבערלאָזען דאס איבע-
ריגע פאר א נעקסטען מאָל.

עס פאַנגט זיך אָן באַוועגען אין טאָראָנטאָ

פון וויס-פרעזידענט טשארלס קרעינדלער.

איך בין ערשט א קורצע צייט אין טאָ-
ראָנטאָ. דאָך איז די ערפארונג וואס איך
האָב געהאט און די זאכען וואס איך האָב
אויסגעפונען, קענען דינען פאר א ביישפיל
פאר די קלאָוק און דרעס מאכער איבעראל.
ארבייטער וואס וועלען לעזען די שורות וועל-
לען גאנץ לייכט קענען זעהן, וואס עס פאסירט
מיט בעל מלאכות ווען זיי פארנאכלעסיגען די
יוניאן און דעם אונגעהויערען פרייז וואס
זיי צאָהלען פאר אזא טעות.

די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" ווייַ-
סען אז דורך דעם ערפאלגרייכען סטרייק פון
די טאראנטאר קלאוק מאכער אין 1930, האָ-
בען זיי געוואונען א 44-שטונדיגע ארבייטס-
וואך און א קאָלעקטיווען אגרימענט מיט די
באלעבאטים. דורך די ערשטע אנדערהאלבען
יאָהר נאָכ'ן סטרייק, האָבען די טאָראָנטאָ'ר
קלאוק מאכער אויפגעהאלטען זייער יוניאן און
געמאכט אן אנשטענדיגען לעבען. מאנכע
קלאוק מאכער האָבען זיך אבער אריינגע-
נומען אין געדאנק אז זיי קענען אנהאלטען
יוניאן באדינגונגען, פארדינען גוטע שכירות,
ארבייטען רעגולערע שטונדען ניט האָבענדיג
קיין יוניאן. זיי זיינען „געווארען גלייכגיל-
טיג צו זייער ארגאניזאציע און די יוניאן איז
צובראכען געווארען.

די לאגע פון די טאָראָנטאָר קלאוק מאכער היינט צו טאָג.

איצט, נאָכדעם ווי די טאראנטאר קלאוק-
מאכער האָבען פאר א יאָהר און א האלב
ניט געהאט קיין יוניאן, וואס זיינען זייערע
באדינגונגען? זייערע שכירות זיינען געשני-
טען געווארען ביז'ן ביין; די ארבייטס-שטונ-
דען זיינען אומבאגרעניצט; פרייזען ווערען
ניט געסעטעלט רעגולער. די ארבייטער ווערען
באהאנדעלט אין די שעפער ווי די נידעריגסטע
ברואים; אויב אן ארבייטער נעמט זיך אָן
מיט מוט און בעט עטליכע סענט מעהר אויפ'ן
פרייז פאר דער ארבייט איז דער איינציגער
ענטפער וואס ער קריגט, „אויב עס געפעלט
דיר ניט, נעם דיין ראָק און הוט און געה!"
איצט באגרייפען שוין די קלאוק מאכער דעם
ביטערען טעות וואס זיי האָבען געמאכט.
זיי זעהען שוין דעם שרעקליכען פרייז וואס
זיי צאָהלען. ווען זיי האָבען זיך דער-
וואוסט אז די אינטערנעשאנאל קומט נאָך
טאָראָנטאָ אָנפיהרען אן ארגאניזאציאנס קאמ-
פיין און העלפען זיי פארבעסערען די באדינ-
גונגען, האָבען זיי די נייעס אויפגענומען מיט
פרייד. די לעבעדיגערע צווישען זיי האָבען
אויפ'ן רוף פון דער יוניאן זיך גלייך אנגע-
שלאָסען אן דער ארגאניזאציאנס קאמיטע און

לאנד. דער פאקט, אז אין די לעצטע עטליכע וואכען האבען צוויי פירמעס, וואס זיינען אנטלאפען פון דער יוניאן און געצאלט די נידעריגסטע ווייזשעס, געשלאסען די פאבריקען און ארויס פון ביזנעס, באווייזט, אז ניט די ווידזשעס, וואס א פירמע צאלט אירע ארבייטער, באשטימען דעם ערפאלג. די צוויי פירמעס זיינען די „לאנדעסמאן־הוירשהיימער קאמפאני", וואס האט געהאלטען א ניט־יוניאן שאפ פאר 12 יאר צייט, און „ה. א. לאטין קא.", וועלכע איז אנטלאפען פון דער יוניאן און געמופט דעם שאפ פון קליוולאנד אין א דערבייאינער שטעדטעל. דאס וואס די צוויי פירמעס האבען געצאלט זייערע ארבייטער אזוי ווייניג, ווי די באסעס האבען אליין פארלאנגט, האט די פירמעס ניט געראטעוועט פון אונטערגאנג.

טראץ אבער אלע ארגומענטען, איז דאס וואס 300 מיטגלידער אונזערע ווערען געסטראשעט צו בלייבען אהן דזשאבס און דאס מיר האבען איצטער אין שטאט מער ניט־יוניאן שעפער, ווי יוניאן־שעפער, שטעלט אונזער ארגאניזאציע אין א שווערער לאגע. מיר זיינען דאריבער געצוואונגען צו רופען א גענעראל סטרייק צוריקצוגעווינען דעם קאנטראל איבער די ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער, דאס סאמע לעבען פון אונזערע יוניאן־מעמבערס הענגט אפ דערפון.

מיר וועלען נאך מעגליך קלאגען די קעלכר־קאהן פירמע אין געריכט

לויט דעם 1932 אגרימענט האט די „קעלער קאהן" פירמע גאראנטירט יעדען ארבייטער אין איר שאפ א מינימום פון 38 וואכען ארבייט דורכ'ן יאר אדער צאלען זיי האלבע ווידזשעס (א העלפט פון דעם מינימום סקייל) פאר דער צייט, וואס זיי וועלען אומגעהן ליידיג. די פירמע האט פאר דעם צוועק געדארפט אוועקלייגען אין א באזונדער פאנד צען פראצענט פון דער סומע, וואס עס האט אנגעטראפען איר וועכענטליכער פעי־ראל. לויט די רעקארדס זיינען אלע אפרייטארס און פרעסערס בארעכטיגט צו די צאלונגען. די פירמע אנטזאגט זיך אבער נאכצוקומען אירע פארפליכטונגען אונטער'ן אגרימענט און באצאלען די ארבייטער די עטליכע טויזענד דאלאר, וואס עס קומט זיי.

די פירמע האט אויך ניט געצאלט די צוויי פראצענט פון פעי־ראל צום ארבייטסלאזען פאנד פון די אויטסייד ארבייטער. זיי האבען איגנארירט אלע אונזערע אויפפאדערונגען, אנגעבענדיג פארשיידענע תרוצים. מיר זיינען אנטשלאסען ניט צו לאזען דער פירמע זיך ארויסצודרייען פון אירע פארפליכטונגען. מיר האבען די פראגע געוואלט פארברייינגען פאר דער באארד און ארביטריישאן, ווי דער אגרימענט שרייבט פאר. די פירמע האט זיך אבער ענטזאגט צו ערשיינען פאר דער באארד. מיר האבען דאריבער באשלאסען אנצוקלאגען די פירמע אין געריכט. וויסענדיג אבער די וויכטיגקייט פון דער קעיס און די גרויסע פאראנטווארטליכקייט, וואס איז פארבונדען מיט אזא טריעל, האבען מיר די גאנצע אנגעלעגענהייט איבערגעוויזען צו פרעזידענט דובינסקי און איהם געבעטען ער זאל אנווענדען זיין איינפלוס, אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, אויסצומיידען א קארט קעיס. אויב אבער די פירמע וועט זיך אנטזאגען צו פארהאנדלען, זאל די אינטערנעשאנאל אונז העלפען אויסקעמפען די אנגעלעגענהייט אין געריכט, אום די ארבייטער זאלען אויפמאנען דאס, וואס עס קומט זיי.

לאקאלס פארהאנדלען וועגען סעטלען פרייזען

וואס אנבאלאנגט דעם טרייד אין אלגעמיין, איז אין די דרעס שעפער איינגאנצען ניטא קיין ארבייט זינט די לעצטע 3 וואכען. עס זיינען דא האפענונגען, אז מען זאל דארט אנפאנגען ארבייטען נאך ניי־יאר. אין די קלאוק־שעפער, אויסער די „קאהן־קעלער" און די „פרינץ־בידערמאן" פעקטארים, הויבט מען אן מאכען סעמפעלס און דופליקייטס.

טראץ דעם, וואס מיר גרייטען זיך צו א גענעראל־סטרייק, פארנאכלעסיגען מיר ניט די פראגע פון סעטלען פרייזען פאר'ן קומענדען סעזאן. זעהענדיג, אז די קעלער־קאהן קאמפאני האט גענומען אנבאטען ספרינג־ארבייט צו קאנטראקטארס און צו אירע אינסייד ארבייטער האט די עקזעקוטיוו באארד פון די אפערייטארס צוזאמענגערופען א מיטינג פון אלע שאפ־טשערלייט און פרייז קאמיטעס און זיי אינסטראקטעד צו סעטלען בלויז אויף אזוינע פרייזען, אז די ארבייטער זאלען קענען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען. די פרעסערס עקזעקוטיוו באארד האט צוזאמענגערופען אלע פרעסערס פון די קאנטראקטינג שעפער, וועלכע ארבייטען פון שטיק, און באשלאסען אויף א באשטימטען פרייז, וואס אלע זאלען קריגען פאר'ן פרעסען.

די פרעסערס און אפערייטארס האבען נאכדעם אפגעהאלטען א געמיינשאפטליכען מיטינג, וואו עס איז אפגעגעבען געווארען א באריכט וועגען די פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים וועגען נייעם אגרימענט. עס איז אויך אפגעגעבען געווארען א באריכט וועגען דעם ארגאניזאציאנס־קאמפיין. אלע פראגען זיינען אינטעליגענט דיסקוטירט געווארען. טראץ דעם קריזיס און די שווערע צייט, וואס אונזערע ארבייטער אין קליוולאנד האבען דורכגעמאכט, האט עס זייער מוט ניט געבראכען. די רייען פון אונזערע מיטגלידער זיינען געבליבען פעסט. זיי באגרייפען, אז איצטער איז פיל וויכטיגער, ווי ווען עס איז פריער צו ארגאנירען אלע שעפער און איינשטעלען איינהייטליכע באדינגונגען איבעראל.

איבער דעם וואס דורך די לעצטע עטליכע וואכען איז אין די שעפער ניט געווען קיין ארבייט, איז די ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט לעצטענס אביסעל שוואכער געווארען. דאס איז אבער בלויז א שטילקייט פאר א שטורם. די קערנער, וואס מיר האבען פארזייט, וועלען ברייינגען פרוכט. ווען די צייט וועט קומען, וועלען מיר זיין גרייט צו געבען די באלעבאטים א ריכטיגע שלאכט.

די אינטערנעשאנאל מוז העלפען קליוולאנד

די מיטגלידער פון קליוולאנד קוקען ווידער ארויס אויף דער אינטערנעשאנאל, אז זי זאל קומען און זיי העלפען צוריקשטעלען די יוניאן אויף איר פריערדיגער פאזיציע פון מאכט אין דער אינדוסטרי. 15 יאר צייט האט די קליוולענדער יוניאן געהאט איהר איינפלוס און מאכט און איז געווען א שטאלץ פאר דער ארבייטער באוועגונג אין אלגעמיין און פאר דער אינטערנעשאנאל באזונדערס. מיר האבען אלעמאל שטאלץ געטראגען די פאן פון אונזער אינטערנעשאנאל אין קאמף מיט די שונאים. היינט זיינען מיר ארומגערינגעלט פון פילע שוועריגקייטען און נויטיגען זיך אין דער אקטיווער הילף פון דעם דזשענעראל אפיס. צוזאמען קענען מיר געווינען דעם קאמף פאר אונזערע מיטגלידער. מיר, פון אונזער זייט, זיינען שלאכט־פארטיג...

א יאהר ארגאניזאציאנס־ארבייט צווישען די שיקאגא׳ער דרעסמאכער

פון בערנארד שעהן, דזשענעראל ארגאנייזער

איך ווייס, אז עס וועט זיין א שווערע אויפגאבע אפצושפיגלען אונזערע אלע טעטיגקייטען דורך דעם לעצטען יאר אין איין קורצען באריכט.

לא'ם איך קודם כל זאגען, אז אלץ וואס מיר האבען אויפגעטאן אין דעם שיקאגא'ער דרעס טרייד אין 1932, איז דערגרייכט געווארען טראץ דער אונגעהייערער ארבייטסלאזיגקייט אין טרייד און טראץ דער אלגעמיינער אפהענגיגקייט און ניט־גלויבען פון אונזערע מיטגלידער.

עס איז געווען א שווערע אויפגאבע בייצוקומען אט דעם ניט־גלויבען. דער געדאנק, וואס איז אלגעמיין פארשפרייט געווארען, אז איצטער איז ניט די צייט צו סטרייקען, האט זעהר פיל געשטערט אונזער ארבייט. עס איז איינפאך געווען אונמעגליך איבערצייגען א גרויסע צאל דרעסמאכער, אז טראץ דעם קריזיס קענען מיר צוריקשלאגען דעם אנגריף פון די באלעבאטים אויף אונזערע שכירות און ארבייט־באדינגונגען. בלויז אונזער גלויבען אין דער מעגליכקייט צום ארגאניזירען די דרעסמאכער אין שיקאגא און די אנטשלאסענהייט פון א צאל איבערגעבענע יוניאן מעמבערס, וועלכע האבען אפגעגעבען זייער גאנצע צייט און ענערגיע אין דעם קאמף, האבען עס מעגליך געמאכט פאר אונז בייצוקומען די אלע שוועריגקייטען. אלס רעזולטאט האבען מיר איצטער אן אויסגעצייכנעטן פונדאמענט פאר א דרעסמאכער יוניאן אין שיקאגא.

מיר רופען עס בלויז א פונדאמענט, ווייל כאטש עס איז אונז שוין ביז איצט געלונגען אריינצונעמען איבער 600 גוטשטעהענדע מיטגלידער אין דער יוניאן, שטעלט עס אונז נאך געמיינעם אגרימענט, וועלכער זאל פארזיכע־ ניט צופרידען ביז מיר וועלען שליסען אן אל־ רען אלע ארבייטער פון טרייד מיט גלייכע יוניאן באדינגונגען.

ווי איך האב שוין ערקלערט אין מיין פריערדיגען באריכט, האבען מיר דורךדעם לעצטען יאר אויסגעפרובירט עטליכע מעטאדען. אין אנהייב האבען מיר פרובירט ארונטערנעמען שעפער אין סטרייק דורך קאמיטעס לעבען די שאפ־געביידען. דאן האבען מיר פרובירט רופען פארזאמלונגען פון אלע דרעסמאכער, וואס ארבייטען אין איין בילדינג. אונזער צוועק איז נאטירליך געווען צו פאראינטערעסירען די ארבייטער אין דער יוניאן. די מיידלאך האבען זיך אבער ניט אפגערופען.

מיר האבען דאמאלסט געמאכט א פארזוך צו ארגאניזירען די קאטערס און די פרעסער. די קאטערס האבען זיך די ערשטע אפגערופען. צו האלטען זיי ביזי און זיי באווייזען, אז דורך דער אינטערנעשאנאל קענען זיי באשיצען זייערע ווידזש־סטענדערדס און נאך פארבעסערען זייערע ארבייטס־באדינגונגען (צו יענער צייט פלעגט מען די קאטערס שניידען די וויידזשעס כמעט יעדע וואך) איז געווען נויטיג צו רופען עטליכע סטרייקס אפצושטעלען דאס שניידען פון די ווידזשעס. די פרעסערס, וועלכע זיינען באשטאנען אויף אנהאלטען א באזונדערען אונאפהענגיגען קלוב אונטער דער

זיינען גרייט צו טאָן אַלץ וואָס זיי קענען אום צוריק אויפצובויען די קלאוק מאכער יוניאָן אין טאָראָנטאָ.

גרויסע פארזאמלונג לאָזט ארויס רוף צו די קלאוק מאכער.

מיר זיינען איצטער אין מיטען פון א קרעפטיגען ארגאַניזאציאנס קאמפיין וועלכער מאכט, לויט מיין מיינונג, צופרידענשטעלענדען פאָרטשריט. די ארבייטער באגרייפען, אז מיט דער הילף פון דער אינטערנעשאָנעל וועלען זיי קענען פטור ווערען פון די סוועט שאפ באדינגונגען וואס זיינען אויף זיי ארויפגעצוואונגען געווארען דורך דער צייט וואס זיי האָבען ניט געהאט קיין יוניאָן. ארבייטער ברייינגען שוין ווידער זייערע קלאגען אין דער יוניאָן, ארבייטער פון דיסאָרגאַניזירטע שעפער ווערען גערופען צו שאפ מיטינגען, שליסען זיך ווידער אָן אָן דער יוניאָן און גרייטען זיך פאר דעם קומענדען ספרינג סעזאָן. דעם בעסטען באווייז אז די ארבייטער זיינען גרייט צום ארגאַניזירען זיך און קעמפען מיט די באָסעס פאר בעסערע באדינגונגען האב איך געקראגען ביים מאס מיטינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 20-טען דעצעמבער.

מען זאָגט מיר אז דאָס איז געווען דער ענטוזיאסטישסטער מיטינג וואס טאָראָנטאָ האָט ווען עס איז געהאט. דער גרויסער זאַל פון לעיבאר ליסעאום איז געווען איבערגעפאקט. ניט נאָר האָט די מאסע קלאוק מאַכער אויפמערקזאם אויסגעהערט די רעדנער, נאָר א גרויסע צאָהל פון זיי האָבען אליין גענומען דאָס וואָרט און אויסגעדריקט זייערע מיינונגען וואָס עס דאַרף געטאָן ווערען צו פארבעסערען די לאגע, וועלכע איז שוין פשוט אונערטרעגליך.

דער „יונייטעד פראָנט"

אויך דאָ, אין טאָראָנטאָ, פונקט ווי אין אנדערע שטעדט האָבען מיר א בינטעל חברה וואס ווילען ראטעווען די נשמות פון די קלאוק מאכער. די לינקע באוויירים, וויסענדיג אז זייער „אינדוסטריעלע יוניאָן" האָט דאָ ניט קיין שאנס צו עקזיסטירען און די קלאוק מאכער ווילען זיך צו איהר ניט צורערען, האָבען אָרגאַניזירט א „יונייטעד פראָנט". זיי זיינען געקומען צום מאס מיטינג און עס איז פשוט געווען א צער צו קוקען ווי לעכערליך זיי האָבען זיך געמאכט. די ערשטע זאַך וואס זיי האָבען געפאָדערט איז, אז די „אינטערנעשאָנעל" און זייער „יונייטעד פראָנט" זאלען ערוועהלען צו 25 מענשען יעדער צו שאפען „איינינקייט" אין אונזערע רייען. דאַן האָבען זיי מיט אלע כוחות געזוכט צו פארוואנדלען די פארזאמלונג אין א פּאָליטישע דיסקוסיע. ווען די קלאָוק מאכער האָבען זיי אָבער ערקלערט אז עס זיינען ניטאָ קיין צוויי יוניאנס אין קלאוק מאכער טרייד און אז די טירען פון דער אינטערנעשאָנעל זיינען אָפען פאר אלע קלאוק מאכער אריינצוקומען און אויסדריקען זייער מיינונג ווי אַזוי אָנצופיהרען דעם קאמף; ווען מען האָט זיי ערקלערט אז מיר האלטען קאָנפערענצען מיט אלע קלאוק מאכער, ביי די שאפ מיטינגען, לאָקאלע און מאסען פארזאמלונגען און מיר דארפען ניט האָבען קיין קאָנפערענצען מיט פרעמדע, האָבען זיי זיך געכאפט אז די פארזאמעלטע מאכען פון זיי חוזק. די פארזאמלונג האָט איינשטימיג באשלאָסען צו אינדאָרסירען דעם ארגאַניזאציאנס קאמפיין פון דער אינטערנעשאָנעל און האָט אויפגעפאָדערט אלע קלאוק מאכער זיך אָנצושליסען אָן דער יוניאָן. די פארזאמלונג האָט אינסטרואירט דעם דזשאינט באָארד און דער ארגאַניזיישאָן קאָמיטע פאָרטצוזעצען די ארבייט און צוגרייטען דעם באָדען פאר דעם קומענדען גענעראל-סטרייק צום ספרינג סעזאָן אויב די באָסעס וועלען זיך אנטזאָגען נאָכצוגעבען די גערעכטע פאָדערונגען פון דער יוניאָן.

אויף מאָרגען איז די מאסען פארזאמלונג געווען די איינציגע טעמע וואָס די קלאוקמאכער האָבען דיסקוטירט אין מארקעט. אלע זיינען אויפגעלעבט מיט האָפנונג. יעדער איז זיכער, אז די יוניאָן וועט צוריקגעווינען דעם קאָנטראָל איבער'ן טרייד און פארבעסערען די באדינגונגען פון די ארבייטער.

א מיטינג פון דער ארגאַניזיישאָן קאָמיטע וועט געהאלטען ווערען נעקסטע וואָך און אַזוי שנעל ווי מען וועט אָנהויבען מאכען דופליקייטס און די ארבייטער וועלען זיין גרייט, מעג מען ערווארטען אז די קאָמיטע וועט טאָן ערפאלגרייכע ארבייט ביים אָרגאַניזירען שעפער.

עס פרעהט אונז צו מעלדען, אז מיר קריגען אויסגעצייכענטע הילף פון די צייטונגען וואָס מאכט א גוטען איינדרוק אויף דער עפענטליכער מיינונג. מיר זיינען אויך פארזיכערט מיט דער פולער שטיצע פון דעם טאָראָנטאָר דיסטריקט טרייד ענד לעיבאר קאונסיל. דאָס אלעס ערמוטיגט אונז אָנצוגעהן מיט דער ארבייט און פארזיכערט אונזער ערפאָלג.

די קלאָוקמאַכער לאַגע אין מאָנטרעאַל

פון וויס-פרעזידענט י. פיינבערג.

די לאגע ביי אונז אין מאָנטרעאל אין קלאוק טרייד איז זייער א שלעכטע.

איך ווייס ניט צי זי איז ערגער ווי אין די שטאטען, איך ווייס בלויז, אז שלעכט איז די לאגע אין מאָנטרעאל דערפאר, ווייל די קלאוק מאכער האָבען נאָך אלץ ניט געלערענט דעם לעסאן פון ווידערשטאנד. זיי ווילען ניט פארשטיין, אז בלויז מיט פאראייניגטע כוחות קאָן מען אָנהאלטען מעהר אדער ווייניגער מענשליכע באדינגונגען, ספעציעל אין שלעכטע צייטען.

די צרה מיט אונזערע קלאוק מאכער איז, וואס זיי לאָזען זיך פארדרייען די קעפ פון מענשען, וואס אינטערעסירען זיך זייער ווייניג מיט דעם וואוילזיין פון די קלאוק מאכער. אין שלעכטע צייטען איז זייער גרינג צו פארטומלען די מוחות פון מענשען, ווען עס פעהלט דאס נויטיגסטע אויף צו לעבען. עס איז אמת, אז דיזע מענשען געפינען שפעטער אויס, אז מען האָט זיי אפגענארט, אָבער די אָרגאַניזאציע ווערט רואינירט סאי ווי סאי. איך האָב שוין גענוג געהערט צו אונזערע מיטגלידער וועגען דעם, וואס זיי קאָנען דערווארטען ווען די אָרגאַניזאציע וועט אפגעשוואכט ווערען. מען דארף ניט זיין קיין נביא צו טרעפען, דאס אזוי ניך ווי איין ארבייטער אָרגאַניזאציע ווערט שוואך, נעמען די באָסעס זיך אזעלכע פריווילעגיעס, וועלכע זיי וואָלטען אונטער נאָרמאלע צייטען זיך ניט ערלויבט.

אזא לאגע איז יעצט איינענטליך ביי אונז אין מאָנטרעאל.

דער דזשאינט קאונסיל האָט ערנסט באטראכט דעם איצטיגען טרויעריגען צושטאנד און האָט באשלאָסען אָנצואווענדען אלע כוחות אויסצוקעמפען בעסערע באדינגונגען. עס איז פריהער ווי אלץ באשלאָסען געווארען אז מען זאָל איינפיהרען א 40-שטונדיגע ארבייטס-וואָך.

די קאָמוניסטען נוצען די שלעכטע לאגע און זיי זוכען צו אונטערגראבען די עקזיסטענץ פון דער יוניאָן.

אייך איז דאָך געוויס באקאנט, אז ביי אונז אין קענעדע גייט יעצט א סדרה פאראייניגטער פראָנט. דער אנפאנג איז געמאכט געוואָרען אין טאָראָנטאָ, און יעצט ארבייט מען אין מאָנטרעאל אויף דעם זעלבען פּלאן. אונזערע קאָמוניסטען האָבען ניט געקענט דורכלאָזען אזא געלעגענהייט.

ווען מיר האָבען ערהאלטען דעם צושריפט פון נאציאנאלען אָפיס וועגען עלעקשאָנס, האָבען מיר אנאָנסירט, אז נאָמינאציעס וועלען געמאכט ווערען צוויי — ערשטע און לעצטע. די עקזעקוטיווע פון לאָקאל 43, אָבער, וועלכע געפינט זיך אונטער דער קאָנטראָל פון די קאָמוניסטען, האָט צוגעשטעלט א באריכט, וועלכער האָט מיט נאָמינאציעס גאָר ניט געהאט וואס צו טאָן. אגב, איז דאָס איבערהויפט ניט געווען קיין רעפּאָרט נאָר א שענדליכע אטאקע אויף די בעסטע מיטגלידער פון דער יוניאָן.

נאטירליך האָבען די מיטגלידער גענומען פּראָטעסטירען און געפאָדערט אז דער מיטינג זאָל אָנגעהן מיט נאָמינאציעס. האָט אָבער די אדמיניסטראציע פון לאָקאל 43 פּראָוואָצירט א געשלעג און דער מיטינג איז געשלאָסען געווארען. דיזע פאסירונג איז באריכטעט געווארען צום דזשאינט קאונסיל. דער קאונסיל האָט דערפאר באשלאָסען אז אויף דעם נעקסטען מיטינג פון לאָקאל 43 זאלען נאָמינאציעס געמאכט ווערען פריהער ווי אלע אנדערע פראגען וועלען פארהאנדעלט ווערען. אָבער דער באשלוס האָט ניט געהאָלפען, ווייל קומענדיג צום מיטינג, האָט די פיהרערשאפט פון לאָקאל 43 ניט געפאָלגט. דער שרייבער פון דיזע צייל(ע)ן האָט אויפמערקזאם געמאכט דעם טשערמאן וועגען דעם באשלוס פון קאָנסיל און אויך וועגען דער ראטזאמקייט פון דורכפיהרען דעם באשלוס און גלייך צוטרעטען צו מאכען די נאָמינאציעס. די קאָמוניסטען האָבען ווידער אָנגעפאנגען פּראָוואָצירען די מיטגלידער, אָבער דאָס מאָל איז דאָס זיי ניט געלונגען. נאָר ווען זיי האָבען דערזעהן, אז זיי קאָנען זייער פּראָוואָקאציע ניט דורכפיהרען, האָבען זיי זיך אויפגעהויבען און פארלאָזען דעם מיטינג, דענקענדיג, אז די מיטגלידער וועלען זיי נאָכגיין. אָבער זיי האָבען געמאכט א טעות. די מיטגלידער זיינען גראָד געווען צופרידען וואָס די טומלער זיינען אוועק. דער מיטינג איז פארטגעזעצט געווארען און נאָמינאציעס זיינען געמאכט געווארען. נאָך דעם זיינען טרייד-פראגען דיסקוטירט געווארען, שאפ באריכטען זיינען אָפגעגעבען געווארען און די מיטגלידער זיינען געווען העכסט צופרידען, דאָס די יוניאָן וועט ווידער קאָנען אָנגיין מיט אזא ארבייט, וועלכע וועט ברייינגען נוצען די קלאָוק מאכער.

ווען איר וועט קריגען דיזען רעפּאָרט, וועלען שוין אונזערע לאָקאלע אָפיסערס זיין ערוויילטע. איך וויל זיי ביי דיזער געלעגענהייט ווינשען גליק און ערפאָלג אין זייערע אונטערנעמונגען פאר דעם וואָהלזיין פון די מאָנטרעאָלער קלאָוקמאכער. איך האָף דאָס די ניי ערוויילטע מיטגלידער וועלען זיך אריינווארפען מיט באגייסטערונג אין דער וויכטיגער ארבייט, וועלכע די יוניאָן האָט שוין אונטערנומען און אויך די ארבייט וועלכע וועט אונטערנומען ווערען.